STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12114

DER EMES VEGEN EKONOMISHE KRIZISEN UN VI AZOY ZIKH TSU BAFRAYEN FUN ZEY

Jacob Fishman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אמת וועגן עקאָנאָמישע
קריזיסען און ווי אַזוי זיך
צו באַפרייען פון זיי

382

5077 8

דער אמת וועגן עקאנאמישע קריזיסן און ווי אזוי זיך צו באפרייען פון זיי

אין צוויי טיילן

דער ערשטער טייל איז איין אפהאנדלונג וועגען דער עקזיסטירענדער עקאנאמישער סיסטעם, וועלכע איז באגרינדעט אויף אינסטינקטיווען עגאאיזם.

דער צווייטער טייל לייגט פאר איין אנדערע עקאנאמישע סיסטעם, וועלכע איז באגרינדעט אויף גערעכטיגקייט.

פון

יעקב פישמאן

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE

פאָררעדע

פּאָליטישע עקאָנאָמיע (אין ענגליש עקאָנאָמיקס) איז דער אויסדרוק פון אונזער מאַטעריאַלען לעבען, אָדער די ווּיסענשאַפט פון באַזאָרגען אַ באַפעלקערונג מיט אַלע לעבענס-מיטלען.

די לעהרע פון עקאָנאָמיקס, ווי די ווּיסענשאַפט פאַרשפּרייט איהר, איז זעהר אַ טרוקענע. זי איז טרוקען ווייל זי איז זעהר קאָמפּליצירט און פול מיט פילאָזאָפישע געדאַנקען, און דערפאַר אינטערעסירען זיך זעהר ווייניג מענשען מיט איהר און נאָך ווייניגער פאַרשטעהען איהר. די לעהרע פון עקאָנאָמיקס איז אויך זעהר פאַנאַנדערגעגלידערט. די פונקציע פון יעדען גליד באַזונדער ווערט אפילו ברייט ערקלערט, אָבער די אַלע גלידער ווערען ניט צוזאַמענגעשטעלט אין אַ גאַנצער קערפּערשאַפט, אַלס אַ גאַנצע עקאָנאָמישע סיסטעם, אום צו געבען די לעזער גרינדליך צו פאַרשטעהן ווי אַזוי די גאַנצע סיסטעם אַרבייט און וועלכע רעזולטאַטען זי ברייגנט.

ביי די מאַסען האָט זיך געשאַפען אַ באַגריף אַז אונזער עקאָנאָמישע סיסטעם איז אַ פאַרבאָרגענע און קיינער קען איהר ניט פאַרשטעהן. דיזער באַגריף האָט זיך נאָך מעהר פאַרשטאַרקט זינט דער לעצטער קריזיס האָט זיך אָנגעהויבען שטאַרק פיהלען, און, עקאָנאָמיסטען, דיסקוטירענדיג וועגען די אורזאַכען פון אַרבייטס-לאָזיגקייט און פון דעם קריזיס אין אַלגעמיין, האָבען זיך ניט געקענט אייניגען. יעדער פון זיי האָט אָנגעגעבען

איין אנדער אורזאכע פון דעם צושטאנד. אויך רעגי־רונגען שטרענגען אן אלע זייער כחות צו געפינען א מיטעל ווי אזוי ארויסצושלעפען זייערע לענדער פון דער פארצווייפעלטער לאגע און עס גיט זיך זיי ניט איין.

ווען די לאגע וועט זיך פארבעסערן וועלען די מאַ־סען געוויס בלייבען ביי דער מיינונג: „אזוי ווי קיינער ווייסט ניט ווי אזוי דער קריזיס איז געקומען אזוי ווייסט מען ניט ווי אזוי ער איז אוועק".

דיזע באגריפען זיינען אבער פאלשע. די עקאנאָ־מיסטען און אויך די רעגירער פארשטעהען אונזער עקאנאמישע סיסטעם זעהר גוט. זיי געפינען זיך אבער אין אן אינאנגענעהמער לאגע. זיי קענען די סיסטעם ניט ענדערן און זיי ווילען זי ניט ענדערן, ווייל זיי זיינען אנהענגער פון דער סיסטעם. זיי ווילען אז דער וואלף זאל זיין זאט און די שאף זאל זיין גאנץ. דאס איז אבער אונמעגליך, ווייל אונזער עקאנאמישע סיסטעם האט אין זיך אזעלכע פעהלערן, וועלכע מאכען קריזיסען אונפארמיידליך.

דער איינציגער מיטעל צו פארמיידען קריזיסען איז, נאטירליך, אבצושאפען די פעהלערן, וועלכע זיינען די דירעקטע אורזאכען פון קריזיסען. פאר דעם הערשענדען טהייל פון די אנהענגער פון אונזער עקאנאמישער סיס־טעם לוינט זיך אבער ניט אבצושאפען די פעהלערן און דערפאר מוזען מיר ליידען און ווארטען ביז דער קריזיס וועט דערגרייכען דעם ווענד־פונקט (טוירנינג פאינט) און די לאגע וועט זיך אנהויבען פארבעסערן פון זיך אליין.

מיין אבזיכט איז: צו געבען א פאלשטענדיגען, גרינד־ליכען און קלארען באגריף, אין אן איינפאכער שפראך, און אזוי קורץ און דייטליך ווי מעגליך, ווי אזוי אונזער

געזעלשאפטליך - עקאנאמישע סיסטעם ארבייט, איהרע פעהלערען, די דירעקטע אורזאכען פון עקאנאמישע קריזיסען, ווי אזוי קריזיסען ווערען פארשווינדען, ווי אזוי דאס רייכטום פון א לאנד ווערט פארטיילט צווישען דער באפעלקערונג, א. א. וו.

איך וויל אויך פארלעגען א נייע עקאנאמישע סיסטעם, א גערעכטע סיסטעם, וועלכע זאל צופרידען שטעלען אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט.

לויט דער נייער סיסטעם וועט די פראדוקציע אנגעפיהרט ווערען פלאנמעסיג, לויט א פאראויס אויסגעארבייטען פלאן, אונטער דער אויפזיכט און קאנטראל פון רעגירונגס-עקספערטען. די פאנאנדערטיילונג פון דער פראדוקציע וועט אנגעפיהרט ווערען אויף א גערעכטען אופן, אויך אונטער דער אויפזיכט און קאנטראל פון דער רעגירונג.

אונטער דער נייער סיסטעם קענען קיינע עקאנאמישע קריזיסען און ארבייטסלאזיגקייט ניט פארקומען. די ארבייטסשטונדען וועלען רעגולירט ווערען לויט דער קוואנטיטעט פון פראדוקציע, וועלכע וועט פאראויס באשטימט ווערען פאר דער באפעלקערונג. די ארבייטער וועלען קריגען גענוג אויף אן אנשטענדיגען לעבען, סיי פאר דער צייט ווען זיי וועלען ארבייטען און סיי פאר דער צייט ווען זיי וועלען פארלירען די ארבייטס-פייהיגקייט, דורך קראנקהייט אדער דורך אלטקייט.

דיזע סיסטעם וועט אפשאפען אלע מאטעריאלע זארגען און וועט שאפען פרייד און גליק פאר דער מענשהייט.

אזא צושטאנד פון עקאנאמישען לעבען וואלט געשאפען פריינדשאפט, פרידען און פארשטענדיגונג צווישען מענשען און פעלקער. עס וואלט ניט געווען

פ אָ ר ר ע ד ע

קיין אורזאַך פאַר איין לאַנד מורא צו האָבען פאַר א צווייטען. די אַרמייען מיט אַלע זייערע קריגס מיטלען וואָלטען אָפגעשאַפט געוואָרען און די רעגירונגען וואָל־טען געהאַט נאָר איין אויפגאַבע — זאָרגען פאַר דעם וואוילזיין פון דער מענשהייט.

י ע ק ב פ י ש מ א ן.

פעברואַר, 1934.

אינהאַלט־פאַרצייכניס

ערשטער טייל.

זייט

1. דער וועלט קריזיס — — — — — — — — — — — 13
2. אויף וואָס די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם איז באַגרינדעט — — — — — — — — — — — — — 21
3. די אמת'ע אורזאַכע פון עקאָנאָמישע קריזיסען — — — 25
4. וועלכע אומשטענדען אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם פאַראורזאַכען אַן איבערפּראָדוקציע — — — — 26
5. ווי אַזוי די איבערפּראָדוקציע באַשטייט פון אָנגע־זאַמעלטע פּראָפיטען און פערזענליכע שפּאָרונגען — — 29
6. וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט דער איבערפלוס אין פּראָדוקציע אויף דעם גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם — — — — — — — 32
7. ווי אַזוי עקאָנאָמישע קריזיסען פאַרשווינדען — — — 36
8. פאַרוואָס איז איצטיגער קריזיס איין אַלגעמיינער איבער דער גאַנצער וועלט — — — — — — — — — 41
9. פאַרוואָס האָט די לעצטע פּראָספּעריטי אָנגעהאַלטען פיעל לענגער ווי פריהערדיגע — — — — — — — — 42
10. ווי אַזוי האָט זיך דער קריזיס אָנגעפאַנגען — — — — 50

11. וואָס איז די אורזאַכע וואָס יעצטיגער קריזיס דויערט
אזוי פיעל לענגער ווי פריהערדיגע — — — — — — — 52
12. די ווירקונג וואָס אַרבייטסלאָזע אינשורענס וואָלט
געהאַט אויף דעם גאַנג פון דער עקזיסטירענדער
עקאָנאָמישער סיסטעם — — — — — — — — — — 59
13. די ענטוויקלונג פון מאַשינערי פאַראורזאַכט ניט
קיינע עקאָנאָמישע קריזיסען — — — — — — — — —
14. פינאַנציעלע אנגעלעגענהייטען — — — — — — — — 63
15. ווי אזוי צו פאַרמיידען עקאָנאָמישע קריזיסען און
אַרבייטסלאָזיגקייט — — — — — — — — — — 75

צווייטער טייל.

16. מיין פּלאַן פאַר נייער עקאָנאָמישער סיסטעם — — — — 79

ערשטער טייל

דער וועלט קריזיס.

דער איצטיגער אויסערגעוויינליכער עקאָנאָמישער וועלט-קריזיס דויערט שוין פיער און אַ האַלב יאָהר, און עס צייגט זיך נאָך ניט קיין סימן פון פאַרלייכטערונג. וואָס ווייטער ווערט די לאַגע אַלץ ערגער און קיינער ווייסט ניט ווען עס וועט נעמען איין ענדע צו די ליידען איבער דער גאַנצער וועלט; איבערהויפט אין די מעהר ציוויליזירטע לענדער, וועלכע זיינען געוואָהנט צו אַ הויכערען סטאַנדאַרד פון לעבען, קוקט מען אין דער צוקונפט מיט שרעק פאַר ערגערע צייטען.

פאַרוואָס געהען מיר דורך אַזאַ שרעקליכען קריזיס, און פאַר וואָס איז דער איצטיגער קריזיס אַן אַלגעמיינער איבער דער גאַנצער וועלט? וואָס זיינען די אורזאַכען פון עקאָנאָמישע קריזיסען און פאַרוואָס דויערט דער איצטיגער קריזיס לענגער ווי אַלע אַנדערע פאַר איהם? איז דער קריזיס אָדער אַלע פריהערדיגע קריזיסען פאַר־אורזאַכט דורך שטערונגען פון דער נאַטור, ווי פון שלעכטע גערעטענישען אויף די פעלדער? ניין, דאָס איז ניט דער פאַל, ניט אין דעם איצטיגען אַלגעמיינעם וועלט קריזיס און אויך ניט אין פריהערדיגע קריזיסען אין באַזונדערע לענדער. מיר, אין די עקאָנאָמיש-ענטוויקעלטע לענדער, האָבען אַלעס: מיר האָבען אַלערליי שפּייזען, מיר האָבען קליידער און מיר האָבען הייזער; יעדעס פאָרטגעשריטען לאַנד האָט אַלעס גענוג פאַר איהר גאַנצער באַפעלקערונג, און דאָך האָבען מיר מיליאָנען מענשען וועלכע ליידען נויט, הונגער און קעלט.

אונזער מוטער־ערד פאַרמאָגט נאַטירליכע רייכטימער מעהר ווי גענוג פאַר אַלעמען; מיר האָבען גענוג מיטלען צו ענטוויקלען די נאַטירליכע רייכטימער און צו פאַר־פערטיגען זיי פאַר דעם מענשליכען געברויך, און דאָך זיינען מיר אַזוי הילפלאָז.

דער מענשליכער מין איז פון דער נאַטור בעגאַבט מיט פיעל העכערער אינטעליגענץ ווי אַלע אַנדערע באַשעפענישען, און דאָס האָט איהם געהאָלפען זיך צו באַפרייען פון דעם מיזעראַבעלען לעבען פון דעם פרימי־טיווען מענשען.

דער מענש איז אויך פון דער נאַטור גענייגט צו שטרעבען צו אַ בעסערען און בעקוועמערען לעבען. ער האָט שטענדיג געשטרעבט און שטרעבט נאָך איצט אויך, ניט אַכטענדיג דאַרויף וואָס מיר האָבען דערגרייכט צו אַזאַ שטופע פון טעכנישער ענטוויקלונג אַז מיר קענען יעצט לעבען גאַנץ באַקוועם מיט זעהר ווייניג אַרבייט דאַרויף.

דורך לאַנגיאָהריגע פאָרשונגען האָבען מיר זיך אויס־געלערענט צו עקספּלואַטירען די אונגעהייער גרויסע נאַטירליכע רייכטימער און זיי באַנוצען פאַר אונזערע בעקוועמליכקייטען.

מיר האָבען ערפונדען פאַרשיעדענע מאַשינען אום אַמשנעלסטען און אַמבעסטען אַרויסצוקריגען די נאַ־טירליכע רייכטימער און זיי אויסאַרבייטען פאַר דעם מענשליכען געברויך, און מיר האָבען דערגרייכט אַזוי וויים אַז מיר קענען זיך איצט פאַרגינען צו אַרבייטען ניט מעהר ווי 30 שטונדען אַ וואָך פאַר אַ קאָמפאָרטאַבלען לעבען.

אין די אַלע דערגרייכונגען האָט, נאַטירליכער־ווייזע, די גאַנצע מענשהייט מיטגעהאָלפען, און דערפאַר דאַרף די גאַנצע מענשהייט געניסען פון די דערגרייכונגען.

לײדער אָבער, געניסט דערפון די מערהײט פון דער מענשהײט אין זײער אַ קלײנער מאָס.

מען האָט ערפונדען פאַרשיעדענע מאַשינען צו פאַר־לײכטערען די אַרבײט און אַרויסקריגען אַ גרעסערע פּראָדוקציע אין װעניגער צײט. אָבער די מאַשינען, װעלכע האָבען געזאָלט זײן אַ ברכה פאַר דער מענשהײט, זײנען פאַר פיעלע געװאָרען אַ קללה, װײל מאַשינען פּראָדוצירען פיעל מעהר װי מענשליכע הענד און שטויסען אַרויס פיעלע אַרבײטער פון זײערע באַשעפטיגונגען.

די אונאָפּהענגיגקײט ערקלערונג, דאָס הײסט די דעקלערײשאָן אָװ אינדעפּענדענס, אויף װעלכער די קאָנ־סטיטוציע פון די פאַראײניגטע שטאַטען פון אַמעריקע איז באַגרינדעט, זאָגט: „אַלע מענשען זײנען באַשאַפען געװאָרען גלײך און דער באַשעפער האָט זײ געגעבען אונבאַשטרײטבאַרע רעכטע אויף לעבען, פרײהײט און גליק“, דאָס הײסט: אַלע מענשען זײנען באַרעכטיגט צו דיזעלבע רעכטע פון אַ ישוב (אַ קאָמיוניטי).

מענשען האָבען געשאַפען ישובים מיט פאַראײניגטע כחות און די מענשען פון די ישובים האָבען געשאַפען אַלע טעכנישע װיסענשאַפטליכע מיטלען אָנצופיהרען דאָס עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטליכע לעבען אויף אַ ציװי־ליזירטען אופן — אויך מיט פאַראײניגטע כחות, לײדער געניסען אָבער ניט אַלע גלײך פון די געמײנשאַפטליכע דערגרײכונגען. אונזער עקאָנאָמישע סיסטעם, װעלכע רופט זיך קאַפּיטאַליזם, איז אַזוי אײנגעאָרדענט אַז נאָר אַ קלײנער טהײל פון דער געזעלשאַפט רעגולירט דעם װאוילזײן פון דער אַלגעמײנער באַפעלקערונג.

די עקזיסטירענדע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעמע איז ניט נאָר ניט קײן גערעכטע, נאָר זי איז אויך ניט קײן פּראַקטישע, װײל זי האָט ניט קײן קאָנקרעטען, ממשות׳־דיגען פונדאַמענט, און דערפאַר איז זי כאַאָטיש. פון אַלע

ערשיינונגען אין אונזער עקאָנאָמישען לעבען, איבערהויפּט פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר, זעהען מיר, אַז אונזער סיסטעמע אַרבייט ניט נאָר געגען די גרויסע אָרעמע מאַסען, נאָר עס פּאַסירט אַז זי אַרבייט אויך געגען די רייכע, ווייל איבער דעם גרויסען כאַאָס וועלכער הערשט אין דער סיסטעם, איז אונמעגליך זי צו קאָנטראָלירען.

אַלע אָנשטרענגונגען פון די רעגירונגען צו באַזייטיגען דעם כאַאָס און די שלעכטע פאָלגען פון דער סיסטעם און צו פאַרבעסערען די אַלגעמיינע לאַגע, אָנהאַלטענדיג די סיסטעם, ברענגען ניט קיין ערפאָלג.

אַלע מיטלען, וועלכע זיינען ביז איצט פאָרגעשלאָגען געוואָרען צו פאַרבעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע זיינען נוצלאָז. איינער פון די פאָרגעשלאָגענע מיטלען, וועלכער וואָלט צייטווייליג פאַרבעסערט די לאַגע פון די אַרבייטס־לאָזע און וואָלט געגעבען אַ שטויס די אינדוסטריען פאָראויס, איז דערוייל פאַרוואָרפען געוואָרען, דאָס איז די 30 שטונדיגע אַרבייטס וואָך. דאָס וואָלט געווען אַ באַלדיגע הילף פאַר די אַרבייטסלאָזע און עס וואָלט אויך פאַרבעסערט די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע, אויב די ווייזזשעס אָדער דער סטאַנדאַרד פון לעבען וואָלט רעגולירט געוואָרען לויט די פּרייזען אויף פּראָדוקטען.

די 30 שטונדיגע אַרבייטסוואָך דאַרף אויך אָנגענו־מען ווערען צוליעב דעם אום צו פאַרריכטען דעם אונרעכט, וועלכער ווערט באַגאַנגען פון איין טהייל פון דער געזעל־שאַפט געגען אַ צווייטען, אָרויסשטויסענדיג אַרבייטער פון זייער באַשעפטיגונג צוליעב דעם פּראָגרעס וואָס מיר מאַכען אין דער ענטוויקלונג פון מאַשינען צו פאַרלייכ־טערען און פאַרקירצען די אַרבייט.

די רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמע־ריקע, אונטער דער איניציאַטיווע פון פּרעזידענט רוזוועלט, האָט אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן פאַר דער אויפלעבונג פון

דער אינדוסטרי און האַנדעל אין לאַנד. דער פּלאַן איז אָבער טיילוויַיז באַגרינדעט אויף קינסטליכע יסודות, און קינסטליכע אויפלעבונג איז ניט דויערהאַפט און אין מיינסטע פעלע — אַ דורכפאַל.

די הויפּט פונקטען אין דעם פלאַן זיינען פאָלגענדע:

1. די פרייזען אויף פּראָדוקטען זאָלען געהעכערט ווערען.
2. די אַרבייטס-וואָך זאָל פאַרקלענערט ווערען.
3. אַ מינימום לוין זאָל באַשטימט ווערען.
4. אויפפּאַסען מען זאָל ניט פּראָדוצירען צו פיעל, כדי צו פאַרמיידען איבערפּראָדוקציע.

עס שטעלט זיך אַ פראַגע. אויף וואָס פאַר אַ גרונד זאָל מען העכערען די פרייזען? די נאָכפראַגע אויף פּראָדוקטען איז נאָך כמעט ניט פאַרגרעסערט געוואָרען, ווייל די אַרבייטסלאָזיגקייט איז נאָך ווייניג פאַרקלענערט געוואָרען און די אַרבייטס-לוין, וועלכע איז זעהר נידעריג געפאַלען, אין דער צייט פון קריזיס, איז נאָך דערווייל ווייניג געשטיגען דורכשניטליך. דער מינימום לוין וועלכען די אינדוסטרי האָט פאָרגעשלאָגען און וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען פון דער „ריקאָווערי" אָדער אויפלעבונגס פלאַן אַדמיניסטראַציע, איז פון 9 ביז 16 דאָלאַר אַ וואָך און איז אַזוי נידעריג אַז עס איז אונמעגליך, אַפילו פאַר אַ קליינער פאַמיליע און אַפילו לויט די נידעריגע פרייזען צו מאַכען אַ לעבען. די פראַגע איז: ווי אַזוי קענען הויכע פרייזען אויפלעבען די אינדוסטריען און האַנדעל ווען די קויף-קראַפט איז נידעריג? הויכע פרייזען קענען נאָר פאַרגרעסערען דעם ווערט פון פּריוואַט אייגענטהום.

עס איז אמת אַז אין פיעלע אינדוסטריען האָט מען געצאָהלט אַ נידעריגערען לוין ווי דער באַשטימטער מינימום איז, אָבער די פרייזען אויף פּראָדוקטען זיינען

אויך געווען נידעריג, יעצט אָבער, מיט דעם מינימום לוין און די שטייגענדע פּרייזען, וועלכע מען פּלאַנעוועט אויפהייבען אַזוי הויך ווי זיי זיינען געווען אין די יאָהרען 1924-26 וועט די לאַגע ווערען נאָך ערגער, ווייל דער לוין אין 1924-26 איז געווען פיעל העכער ווי דער מינימום.

דער גרויסער אונטערשיעד צווישען דעם נידעריגען מינימום לוין און די הויכע פּרייזען וועט בלייבען ביי די אונטערנעהמער אין פּראָפיטען, פון וועלכע עס וועלען זיך נאָך מעהר פאַרגרעסערען די סורפּלוסען און אַרבייטסלאָזיגקייט.

דער פּונקט וועגן פאַרקלענערען די אַרבייטס-וואָך איז אַ גוטער, אָבער די אינדוסטריען האָבען פאָרגע-שלאָגען, דורכשניטליך, אַ 40 שטונדיגע אַרבייטס וואָך, און דאָס וועט נאָר אין אַ קליינער מאָס פאַרקלענערען די צאָהל אַרבייטסלאָזע. די צאָהל אַרבייטסלאָזע האָט דער-גרייכט אומגעפעהר 13 מיליאָן, דאָס מאַכט אוים איין דריטעל פון אַלע אַרבייטער. כדי צוריק אָנצושטעלען אַלע אַרבייטסלאָזע צו דער אַרבייט, איז נויטיג צו פאַר-קלענערען די אַרבייטס וואָך אויף אַ דריטעל, אַזוי ווי די אַרבייטס-שטונדען זיינען געווען דורכשניטליך 44 אַ וואָך, דאַרף די אַרבייטס-וואָך זיין ניט מעהר ווי 30 שטונדען, מיט 10 שטונדען ווייניגער ווי די אינדוסטריען האָבען פאָרגעשלאָגען און די אויפלעבונג אַדמיניסטראַציע האָט אָנגענומען.

דער פּונקט וועגן אויפפאַסען מען זאָל ניט פּראָדו-צירען צו פיעל, כדי צו פאַרמיידען איבערפּראָדוקציע, איז אין ווידערשפּרוך מיט די פּונקטען פון העכערען פּרייזען און פון אַ מינימום לוין, ווייל די איבערפּראָדוקציע קומט ניט נאָר פון פּראָדוצירען צופיעל, נאָר זי קומט הויפּט-זעכליך פון די סורפּלוסען וועלכע זאַמלען זיך אָן פון פּראָפיטען און פּערזענליכע שפּאָרונגען.

ווען אַ לאַנד זאָל פּראָדוצירען נאָר אַ טהייל דערפון וואָס איהר באַפעלקערונג דאַרף פאַרברויכען, וואָלט זיך אויך דאַן געזאַמעלט אַ סורפּלוס פון די פּראָפיטען און שפּאַרונגען. דאָס צייגט אַז אונטער דער עקזיסטירענדער סיסטעם, וועלכע באַגרעניצט ניט די פּראָפיטען, מוזען זיך זאַמלען סורפּלוסען, אַפילו דאַן ווען די פּראָדוקציע זאָל באַגרעניצט ווערען.

די אַרבייטער פיהרער שלאָגען פאָר אַרבייט-פאַרזיכערונג (אינשורענס), דאָס איז אָבער ניט קיין מיטעל געגען אַרבייטסלאָזיגקייט. דאָס וואָלט נאָר געווען אַן אונבאַדייטענדע הילף פאַר אַרבייטסלאָזע, ווען אַרבייטסלאָזיגקייט איז שוין געקומען. מיר דאַרפען אַ מיטעל ניט צו דערלאָזען צו קיין אַרבייטסלאָזיגקייט. מיר דאַרפען אַ קאָנקרעטען מיטעל צו פאַרמיידען די אורזאַכען פון אַרבייטסלאָזיגקייט, דאָס הייסט צו פאַרמיידען די צושטערונג פון דער עקאָנאָמישער סיסטעם. ווייל ווען אַרבייטסלאָזיגקייט, אין אַ באַדייטענדער מאָס, איז שוין געקומען, דאַן איז שוין די עקאָנאָמישע סיסטעם פאַקטיש צושטערט און דערפאַר איז די אַרבייטסלאָזיגקייט-פאַרזיכערונג אַ פאַרשפּעטיגטער מיטעל און אויך אַ שעדליכער, ווייל די סיסטעמאַטישע אָנזאַמלונגען פון אַ פאָנד פאַר אַרבייטסלאָזע, פון וואַנען די זאַמלונגען זאָלען ניט קומען, וועט מיטהעלפען אין דער צושטערונג פון דער עקאָנאָמישער סיסטעם. די שלעכטע ווירקונג פון אַרבייטסלאָזיגקייט-פאַרזיכערונג וועל איך אַרויסברייגען שפּעטער.

די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם איז אַזוי קאָמפּליצירט און פאַרפּלאָנטערט, אַז זעהר אַ קליינע צאָהל מענשען פאַרשטעהען זי און דערפאַר, ווען עס קומט אַ עקאָנאָמישער קריזיס, ווייסט מען ניט וואָס האָט דעם קריזיס פאַראורזאַכט. ניט נאָר ווייסט עס ניט דער דורכשניט-

ליכער מענש, נאָר אַפילו עקאָנאָמיסטען, אינדוסטריאַ-ליסטען און אַרבייטער-פיהרער פּרוואווען טרעפען וואָס האָט דעם קריזיס און די אַרבייטסלאָזיגקייט פאַראורזאַכט, און קיינער פון זיי האָט נאָך קיין באַשטימטעס ניט געזאָגט. זיי קענען ניט אַוועקשטעלען דעם ריכטיגען דיאַגנאָז פון דער קראַנקהייט און דערפאַר ווייסען זיי ניט מיט וואָס זי צו היילען.

איך וויל ניט באַהויפּטען אַז די אַלע אויסגערעכענטע פיהרער פאַרשטעהען ניט אונזער עקאָנאָמישע סיסטעם, מיט איהרע שלעכטע פאָלגען, נאָר אַזוי ווי זיי זאָגען אונז ניט אויס, האָבען מיר אַ רעכט צו דענקען אַז אָדער זיי פאַרשטעהען זי ניט אָדער זיי ווילען אונז ניט אויסזאָגען.

די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם איז ניט נאָר אין פּראַקטיק קאָמפּליצירט, זי איז נאָך מעהר קאָמפּליצירט אין טעאָריע. די אַלע ביכער וועגען פּאָליטישער עקאָ-נאָמיע, סיי די וועלכע ווערען באַנוצט פאַר אונטערריכט, סיי יענע וועלכע ווערען געשריבען פאַר די ברייטע מאַסען, זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט פילאָזאָפישע געדאַנקען און קאָמענטאַרען, און דער דורכשניטליכער מענש קען עס ניט פאַרשטעהן.

איך דיינק אַז יעדער דערוואַקסענער מענש דאַרף פאַרשטעהן די עקאָנאָמישע סיסטעם פון אונזער געזעל-שאַפטליכער אָרדענונג. איהר דאַרפט זי פאַרשטעהן כדי איהר זאָלט וויסען אייערע רעכטע און אייערע פליכטען צו דער געזעלשאַפט; איהר דאַרפט וויסען וואָס די גע-זעלשאַפט מעג ערוואַרטען פון אייך און וואָס איהר מעגט ערוואַרטען פון דער געזעלשאַפט.

אויף וואָס די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם איז באַגרינדעט

אונזער עקאָנאָמישע סיסטעם, וועלכע רופט זיך קאַפּיטאַליסטישע, איז באַגרינדעט אויף פּראָפיט.

יעדע אינדוסטריעלע אָדער קאָמערציעלע אונטערנעהמונג, נאָכדעם ווי זי רעכענט אויס די קאָסטען פון אַן אַרטיקעל וועלכען זי פּראָדוצירט אָדער האַנדעלט, צוזאַמען מיט די אויסגאַבען און געהאַלט פאַר דעם אייגענטימער, רעכענט זי צו אַ פּראָפיט. צום ביישפּיעל: רויע מאַטעריאַלען און אַרבייט פון אַן אַרטיקעל קאָסט, לאָמיר זאָגען, 85 סענט און די אויסגאַבען דאַרויף האָבען באַטראָפען 15 סענט, צוזאַמען קאָסט דער אַרטיקעל $1.00. צו דעם דאָלער רעכענט מען צו אומגעפעהר 20% פּראָפיט, אָדער 20 סענט, הייסט עס אַז דער אַרטיקעל באַטרעפט שוין איצט $1.20, כאָטש ער קאָסט ניט מעהר ווי $1.00. דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלעס.

יעדער אַרטיקעל, וועלכער ווערט פּראָדוצירט און פאַרפערטיגט פאַר דעם מענשליכען געברויך, געהט דורך עטליכע שטופען פון פּראָדוקציע און האַנדעל, און יעדע שטופע געהט דורך די הענד פון איין אַנדער אונטערנעהמער. מיר וועלען נעהמען אַלס אַ ביישפּיעל וואָלענע קליידער: איינער פאַרקויפט די רויע וואָל, אַ צווייטער מאַכט אויף דעם טוך פון דער וואָל, אַ דריטער מאַכט אויף די קליידער און אַ פערטער פאַרקויפט די פאַרטיגע קליידער. יעדער פון די אונטערנעהמער רעכענט צו אַ פּראָפיט צו דעם זעלבען אַרטיקעל, און ביז דער

אַרטיקעל קומט צום קויפער, באַטרעפט ער, אין אייניגע פעלע, אומגעפעהר צוויי מאָהל אַזוי פיעל וויפיעל עס קאָסט פאַקטיש איהם צו פּראָדוצירען.

די אַלע פּראָפיטען זיינען אָבער גראָס-פּראָפיטען, און ניט אַלע פּראָפיטען שטערען דעם גאַנג פון דער קאַפּיטאַ-ליסטישער סיסטעם, ווייל אַ גרעסערער טהייל פון די גראָסס-פּראָפיטען ווערט אויסגעצאָהלט פאַר אונפּראָדוק-טיווער אַרבייט, ווי אַנאָנסען, שטאָדט און רייזענדע אַגענטען, פאַרזיכערונג, א. אַ. וו. און דאָס ווערט אויסגעגעבען אויף פּראָדוקטען; דאָס איבעריגע פון די פּראָפיטען בלייבט ביי די אונטערנעהמער אַלס נעט פּראָפיט.

סיי די פּראָפיטען וועלכע ווערען אויסגעגעבען אויף אונפּראָדוקטיווער אַרבייט און סיי די נעט-פּראָפיטען וועל-כע בלייבען ביי די אונטערנעמער, שעדיגען די אַרביי-טער, ווייל אַלע פּראָפיטען ווערען צוגערעכענט צום קאָסט פון דער פּראָדוקציע, און ווען די אַרבייטער דאַרפען אָפּקויפען צוריק זייער פּראָדוקציע, מוזען זיי באַצאָהלען, אומגעפעהר, צוויי מאָהל אַזוי פיעל וויפיעל זיי קריגען פאַר זייער אַרבייט, דאַריבער קויפען זיי נאָר אַ העלפט דערפון וואָס זיי פּראָדוצירען. דעם גאַנג פון דער עקאָנאָמישער סיסטעם שעדיגען נאָר די נעט-פּראָפיטען, וועלכע בלייבען ביי די אונטערנעהמער און ווערען ניט אויסגעגעבען אויף פּראָדוקטען, צום ביישפּיעל: ווען אַ געוויסער אַרטיקעל קאָסט צו פּראָדוצירען $1.00 און דער ריטייל אָדער לאַחדים פּרייז פון דעם אַרטיקעל איז $2.00 דאַן איז דער גראָסס-פּראָפיט $1.00, דערפון געהט אַרונטער אויף אונ-פּראָדוקטיווער אַרבייט, לאָמיר זאָגען, 65 סענט, בלייבט איבער אַ נעט-פּראָפיט פון 35 סענט, אָדער אומגעפעהר 20% פון דעם אינוועסטמענט (אויסלאַג). דיזער נעט

פּראָפיט איז דאָס וואָס שטערט דעם גאַנג פון דער עקאָנאָמישער סיסטעם.

די אָנגעזאַמעלטע נעט פּראָפיטען רופען זיך קאַפּיטאַל און דערפאַר רופט זיך אונזער עקאָנאָמישע סיסטעם קאַפּיטאַליזם.

די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם ערלויבט יעדען געשעפטסמאַן און ספּעקולאַנט צו מאַכען אַזוי פיעל פּראָפיט ווי פיעל עס לאָזט זיך, ווייל מיר האָבען ניט קיין קאָנטראָל איבער די פּרייזען. איינינגע עקאָנאָמיסטען נעהמען אַפילו אָן אַלס אַ כלל אַז דאָס געזעץ פון אָנבאָט און נאָכפראַגע (סופּלאַי ענד דעמענד) וועלכעס האָט זיך געשאַפען, אַ דאַנק דעם כאַאָס וועלכער הערשט אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, רעגולירט די פּרייזען. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. דאָס געזעץ פון אָנבאָט און נאָכפראַגע רעגולירט ניט די פּרייזען, נאָר עס ענדערט זיי, אין אויסנאַהמס פעלע. אין יעדען פאַל, ווען פּרייזען ווערען געענדערט, איז דאָס ניט קיין נאָרמאַלע עקאָנאָמישע ערשיינונג. דאָס הייסט פּרייזען ווערען ניט געענדערט דאַן ווען די באַטרעפענדע אַרטיקלען קאָסטען מעהר אָדער וויינינגער צו פּראָדוצירען, פּרייזען ווערען געהעכערט דאַן ווען ספּעקולאַנטען זעהען פאַר זיך אַ געלעגענהייט זיי צו העכערען און רעכענען זיך ניט דערמיט וואָס די קויף-קראַפט בלייבט ניט געענדערט.

פּרייזען פאַלען דאַן ווען די קויף-קראַפט דריקט זיי אַרונטער, דאָס הייסט, ווען דער אַרבייטס-לוין ווערט אין אַ באַדייטענדער מאָס פאַרקלענערט, אין פאַרגלייך מיט די עקזיסטירענדע פּרייזען, און די באַפעלקערונג קען ניט קויפען גענוג, ווי עס איז פאָרגעקומען אין צייט פון קריזיס. דער קריזיס האָט אויסגעבראָכען מיט פיער און האַלב יאָהר צוריק, אָבער די פּרייזען האָבען אָנגעהויבען פאַלען ערשט מיט צוויי און אַ האַלב יאָהר צוריק, ווען

די אַרבייטסלאָזיגקייט האָט שוין דערגרייכט אומגעפעהר 10 מיליאָן, און די פאַרדינסטען פון די אַרבייטענדע זיינען שוין געוועזן באַדייטענד געשניטען.

פרייזען פאַלען אויך דאַמאָלט ווען איינינגע, ניט קיין דויערהאפטע שפּייז־אַרטיקלען, ווערען פּראָדוצירט אין אַ גרעסערער מאָס ווי זיי ווערען פאַרלאַנגט; אנשטאַט צו לאָזען אַזעלכע אַרטיקלען פאַרניכטעט ווערען, פאַרקויפט מען זיי ביליגער. דאָס ווערט אָבער פּראַקטיצירט נאָר אין לאַחדים־האַנדעל (ריטייל טרייד), אָבער די גרויסע האָלסייל־(אָפּטאָווע) פירמעס באַגעהען זיך אַנדערש מיט זייער איבער־פּראָדוקציע, זיי ווילען ניט נאָכקומען די פּרייזען לויט דעם קלענערען פאַרלאַנג פאַר די באַטרעפענדע אַרטיקלען, זיי ווילען אָנהאַלטען די הויכע פּרייזען, און כדי אָנצוהאַלטען די הויכע פּרייזען פאַרניכטען זיי דעם איבערפלוס, אַריינוואַרפענדיג איהם אין די טייכען אָדער ימים. זיי טוען דאָס אַפילו מיט דויערהאַפטע אַרטיקלען אויך, ווי קאַפע און אַנדערע.

די אמת'ע אורזאַכע פון עקאָנאָמישע קריזיסען

די איינציגע אורזאַכע פון עקאָנאָמישע קריזיסען איז אַן איבערפלוס אין פּראָדוקציע „סארפּלאס אָוו פּראָדאָקשאָן".

אַן איבערפלוס אין פּראָדוקציע מיינט אָבער ניט אַז אַ לאַנד פּראָדוצירט מעהר ווי איהר באַפעלקערונג קען פאַרברויכען, דאָס מיינט אַז די באַפעלקערונג האָט ניט גענוג קויף-קראַפט אָבצוקויפען אין גאַנצען די פּראָדוקציע, ווייל דער גרעסטער טהייל פון דער באַפעלקערונג קריגט ניט גענוג באַצאָהלט פאַר איהר אַרבייט, אין פאַרגלייך מיט די עקזיסטירענדע פּרייזען אויף פּראָדוקטען. די ניט אָבגעקויפטע פּראָדוקטען ווערען פאַרוואַנדעלט אין אַ סורפּלוס, וועלכער שטערט דעם ווייטערדיגען גאַנג פון דער עקאָנאָמישער סיסטעם, פאַראורזאַכענדיג -אַרבייטס-לאָזיגקייט און אַלגעמיינע צושטערונג פון דער סיסטעם.

וועלכע אומשטענדען, אין דער קאפּיטאַ־ליסטישער סיסטעם, פאַראורזאַכען אַן איבערפּראָדוקציע

אין דער קאפּיטאַליסטישער סיסטעם זיינען פאַראַן צוויי איבלען, וועלכע פאַרורזאַכען אַלע צרות אין אונזער עקאָנאָמישען לעבען, און די צוויי איבלען פאַראורזאַכען דאָס די איבערפּראָדוקציע (סורפּלוס אָוו ,פּראָדאָקשאָן), וועלכע איז די דירעקטע אורזאַכע פון אַרבייטסלאָזיגקייט און עקאָנאָמישע קריזיסען אין אַלגעמיין.

דער ערשטער איבעל איז די אָנגעזאַמעלטע נעט פּראָפיטען, ניט אין קעש (מזומן) נאָר אין פּראָדוקטען. דער צווייטער איבעל איז די פּערזענליכע שפּאָרונגען ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון איהרע פאַרדינסטען.

איידער איך וועל געבען צו פאַרשטעהן ווי אַזוי די איבערפּראָדוקציע באַשטייט פון אָנגעזאַמעלטע פּראָפיטען און פּערזענליכע שפּאָרונגען, וויל איך ערקלערען דעם גאַנג פון שאַפען די באַדערפניסען פון דער געזעלשאַפט.

אונזער געזעלשאַפטליכע עקאָנאָמישע סיסטעם פון שאַפען אַלע באַדערפניסען פאַר דעם מענשליכען געברויך באַשטייט פון צוויי טיילען: פּראָדוקציע און פאַנאַנדער־טיילונג פון די פּראָדוקטען, (אין ענגליש : פּראָדאָקשאָן ענד דיסטריביושאָן).

די פּראָדוקציע באַשטעהט אין אויסאַרבייטען אַלע באַדערפניסע, אין גאַנצען פאַרטיג פאַר דעם מענשליכען געברויך, און פאַנאַנדערטיילונג מיינט : פאַנאַנדערפיהרען

אָדער טראנספּאָרטירען אַלע באַדערפניסע איבער דעם לאַנד און פאַרקויפען זיי צו דער באַפעלקערונג.

יעדער אַרטיקעל אָדער געגענשטאַנד, וואָס ווערט פּראָדוצירט פאַר דעם מענשליכען געברויך, באַשטעהט פון רויע מאַטעריאַלען און אַרבייט. רויע מאַטעריאַלען ווערט אָנגערופען דאָס וואָס די נאַטור אַליין באַשאַפט. רויע מאַטעריאַלען רופען מיר אויך אָן — ניט פאַרענדיגטע אַרטיקלען, דאָס הייסט די אַרטיקלען, וועלכע זיינען נאָך ניט דורכגעגאַנגען אַלע שטופען פון פּראָדוקציע און זיינען נאָך ניט פאָלשטענדיג פאַרטיג פאַר דעם געברויך. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג, אַזעלכע אַרטיקלען דאַרף מען אָנרופען פריערדיגע אַרב־יט, אָדער ניט קיין פאַרענדיג־טער פּראָדוקט.

אַלע אַרטיקלען פאַר דעם מענשליכען געברויך ווערען געשאַפען טהיילוויז פון דער נאַטור, אין אַ רויען צו־שטאַנד, און טהיילוויז פון מענשליכע הענד און פאַר־שטאַנד מיט דער הילף פון מאַשינען.

אין די אַלטע פרימיטיווע צייטען, ווען די קאַפּיטאַ־ליסטישע סיסטעם האָט נאָך ניט עקזיסטירט, האָבען די מענשען אויסגעאַרבייט זייערע באַדערפניסע יעדער פאַר זיך און זיין פאַמיליע, מיט דער הילף פון שכנים. זיי האָבען זיך איינער דעם אַנדערען אויסגעהאָלפען און מיט איינציגע אַרטיקלען האָבען זיי זיך געביטען (אין ענגליש ווערט עס אָנגערופען בארטער). אַזאַ סיסטעם ווערט אָנגערופען אינדיווידואַליזם.

אונטער קאַפּיטאַליזם אָבער ווערען אַלע באַדערפניסע פּראָדוצירט דורך אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע אָרגאַניזאַציעס, אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, מיט געדונ־גענע אַרבייטער.

פאַר דעם צוועק האָבען די אונטערנעהמער קאַפּי־

טאַלען, וועלכע זייגען נויטיג צו קויפען רויע מאַטעריאַלען, אַוואַנסירען די אַרבייטער פאַר זייער אַרבייט און אַנדערע אויסלאַגען, ביז זיי פאַרקויפען זייערע פּראָדוקטען.

די קאַפּיטאַלען, ווי איך האָב פריער ערקלעהרט, באַשטעהען פון אָנגעזאַמעלטע פּראָפיטען, וועלכע געהען איבער פון דור צו דור און זאַמלען זיך אַלץ מעהר.

פיעלע אונטערנעהמער האָבען ניט גענוג אייגענע קאַפּיטאַלען פאַר זייערע אונטערנעהמונגען און אַרבייטען מיט פרעמדע קאַפּיטאַלען, איינִיגע דורך אַרויסלאָזען אַקציעס (שערס) און אַנדערע דורך לייען פון פינאַנץ־אַנשטאַלטען און צאָהלען דערפאַר פּראָצענטען (אינטע־רעסט), וועלכע ווערען צוגערעכענט צו די קאָסטען פון דער פּראָדוקציע. אויך די אונטערנעהמער, וועלכע האָבען זייערע אייגענע קאַפּיטאַלען רעכענען צו צו דער פּראָ־דוקציע פּראָצענטען, פאַר דעם קאַפּיטאַל, וועלכען זיי האָבען אָנגעזאַמעלט פון פּראָפיטען, און וועלכען זיי נוצען פאַר דער פאַרגרעסערונג פון זייערע געשעפטען.

ווי אַזוי די איבערפּראָדוקציע (סורפּלוס) באַשטייט פון אָנגעזאַמעלטע פּראָפיטען און פּערזענליכע שפּארונגען

מיר וועלען אָננעמען אַז אַלע אַרבייטספעהיגע מענשען פון די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע אַרבייטען און אַלע געשעפטס-אונטערנעהמער פון לאַנד וועלכע פּראָדוצירען, טראַנספּאָרטירען און פאַרקויפען אַלע באַדערפניסען פאַר דעם לאַנד, צאָהלען אוים אין אַ געוויסען פּעריאָד, לאָמיר זאָגען, אין אַ יאָהר צייט, צו דער באַפעלקערונג, וועלכע נעמט אַן אַקטיווען אַנטהייל אין שאַפען אַלע באַדערפניסען, אַריינרעכענענדיג אַלע רעגירונגס אָנגעשטעלטע, די אַרמיי און פלאָטע און אַלע געזעלשאַפטליכע אנשטאַלטען — 65 ביליאָן דאָלאַר. הייסט עס אַז אַלעס וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרען אין לאַנד פאַר איין יאָהר צייט האָט געקאָסט 65 ביליאָן דאָלאַר. עס הייסט אויך, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג פון לאַנד האָט געקראָגען פאַר איהרע לייסטונגען צו דער געזעלשאַפט אויף אַלע געביטען פון עקאָנאָמישען און געזעלשאַפטליכען לעבען — 65 ביליאָן דאָלאַר.

ווען די אונטערנעהמער וואָלטען זיך צופריעדענגעשטעלט מיט די גרויסע געהאַלטען, וועלכע זיי ציהען פון זייערע געשעפטען פאַר זייערע לייסטונגען און וואָלטען ניט צוגערעכענט קיין פּראָפיטען צו די קאָסטען פון פּראָדוקציע, און די באַפעלקערונג וואָלט אויסגעגעבען אַלע איהרע פאַרדינסטען פון 65 ביליאָן דאָלאַר, וואָלט זי אָפּגעקויפט די גאַנצע פּראָדוקציע, וועלכע האָט געקאָסט

65 ביליאן דאלאר, און קיין איבערפלוס פון פראדוקציע וואלט נים געבליבען, דאן וואלטען אלע געשעפטען, אונגעשטערט, וויטער אנגעגאנגען מיט דער געוועהנליכער ארבייט צו באזארגען דאס לאנד מיט אלע באדערפניסען און באקוועמליכקייטען. אלע ארבייטער וואלטען געארבייט און עס וואלט נים געווען קיין אורזאכע פאר אן עקאנאמישען קריזיס און ארבייטסלאזיגקייט, ווייל, ווי איך האב פריהער געזאגט, אונזער מוטער-ערד פארמאגט אונגעהייער גרויסע נאטירליכע רייכטימער און די באפעלקערונג איז גוט צוגעגרייט צו ענטוויקלען די רייכטימער און אויסארבייטען אלע באדערפניסען פאר א קאמפארטאבלען לעבען, ארבייטענדיג 30 שטונדען א וואך אדער ווייניגער. דאס איז אבער נים דער צוועק פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם.

די אונטערנעהמער, וועלכע פארוואלטען אונזער עקאנאמישען לעבען, שטעלען זיך נים צופרידען מיט די גרויסע געהאלטען, נאר זיי רעכענען צו גרויסע פראפיטען צו דעם קאסט פון דער פראדוקציע.

מיר וועלען אננעהמען אז די נעט פראפיטען, וועלכע ווערען צוגערעכענט צו די קאסטען פון פראדוקציע, באטרעפען 20%. צורעכענענדיג 20% פראפיט צו די 65 ביליאן דאלאר, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר דעם קאסט פון דער גאנצער פראדוקציע פון לאנד, פאר איין יאהר צייט, באטרעפט שוין די פראדוקציע 78 ביליאן דאלאר. נאר אזוי ווי די באפעלקערונג האט געקראגען נים מעהר ווי 65 ביליאן דאלאר קען זי די גאנצע פראדוקציע נים אבקויפען, ווען אפילו זי זאל אויסגעבען אלע איהרע פארדינסטען, און עס בלייבט איבער 13 ביליאן דאלאר אין פראדוקטען, וועלכע קענען אין אייגענעם לאנד נים פארקויפט ווערען.

מיר ווייסען אָבער אַז אַ טהייל פון דער באַפעלקערונג גיט ניט אויס אַלע איהרע פאַרדינסטען און מיר קענען מיט רעכט אָננעהמען אַז 10% פון די 65 ביליאָן דאָלאַר וועלכע זיינען אויסגעצאָהלט געוואָרען צו דער גאַנצער באַפעלקערונג, ווערט אָבגעשפּאָרט. הייסט עס, אַז די באַפעלקערונג האָט אויסגעגעבען ניט מעהר ווי 58½ ביליאָן דאָלאַר, און אַזוי ווי די פּראָדוקציע, צוזאַמען מיט די פּראָפיטען, באַטרעפט 78 ביליאָן דאָלאַר, בלייבט אין לאַנד אַן איבערפלוס אין פּראָדוקטען פאַר 19½ ביליאָן דאָלאַר, פאַר איין יאָהר צייט, וועלכער איבערפלוס קען אין אייגען לאַנד ניט פאַרקויפט ווערען.

דערפון זעהען מיר אַז דער איבערפלוס אין פּראָדוקציע נעהמט זיך ניט דערפון וואָס עס איז פּראָדוצירט געוואָרען מעהר ווי די באַפעלקערונג קען פאַרברויכען, נאָר דערפון וואָס: ערשטענס, קען די באַפעלקערונג ניט אָבקויפען די פּראָדוקטען וועלכע האָבען זיך אָנגעזאַמעלט פון די פּראָפיטען, און צווייטענס, גיט די באַפעלקערונג ניט אויס אַלע איהרע פאַרדינסטען. די שפּאָרונגען מיט די פּראָ־פיטען שטעלען דאָס צוזאַמען דעם איבערפלוס אין פּראָ־דוקציע, וועלכער פאַראורזאַכט קריזיסען.

וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט דער איבערפּלוס אין פּראָדוקציע אויף דעם גאַנג פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער סיסטעם

ווען אין לאַנד זאַמעלט זיך אָן אַ איבערפּלוס אין פּראָדוקציע, וועלכער באַטרעפט אומגעפעהר 19½ ביליאָן דאָלאַר, אין איין יאָהר צייט, און ער קען ניט פאַרקויפט ווערען אין אייגען לאַנד און קען אויך ניט עקספּאָרטירט ווערען צו פרעמדע לענדער, האָט עס אַ צושטערענדע ווירקונג אויף דעם ווייטערדיגען גאַנג פון דעם עקאָנאָ־מישען לעבען.

די שלעכטע ווירקונג פון דעם איבערפּלוס לאָזט זיך ניט פיהלען שטאַרק מיט אַ מאָהל. ער הייבט אָן זיין צושטערונגס־ארבייט שטופענווייז, כמעט אומבאַמערק־טערהייד, ווייל די אָנגעזאַמעלטע 19½ ביליאָן דאָלאַר אין פּראָדוקטען זיינען צושפּרייט איבער דעם גאַנצען לאַנד, מייסטענס טהייל אין די הענד פון לאחדים געשעפטען (ריטיילערס) און איינער ווייסט ניט פון דעם צווייטען וואָס עס קומט פאָר.

פאַר די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהר ווערט די פּראָדוקציע אין לאַנד אָנגעפיהרט לויט באַשטעלונגען, וועלכע קומען אריין פון אָפּטאָווע (האָלסייל) און לאחדים (ריטייל) געשעפטען און אויך פון עקספּאָרטערס. די אינדוסטריען טוען דאָס מיט דער אבזיכט צו פאַרמיידען אָנזאַמלונגען פון וואהרע אין זייערע געשעפטען און אַז עס בלייבט ביי זיי ניט איבער קיין וואהרע קריגען זיי

שוין במילא אַרויס זייערע פּראָפיטען און דאָס ברייננגט דערצו אַז דער גרעסטער טהייל פון די אָנגעזאַמעלטע איבערפלוסען געפינט זיך אין די הענד פון די אַפּטאָווע (האָלסייל) און לאחדים (ריטייל) געשעפטען.

די עקאָנאָמיש ענטוויקעלטע לענדער ערמוטיגען דעם וואוקס פון דער צאָהל האָלסייל און ריטייל געשעפטען, אונטער דעם אויסרייד פון פרייער קאָנקורענץ. זייער אבזיכט איז אָבער, אַז וואָס מעהר אַזעלכע געשעפטען אַלץ ווייניגער וועלען זיך אָנזעהן און פיהלען די אָנגעזאַמעלטע איבערפלוסען, כדי צו קענען וואָס לענגער אָנהאַלטען אַ נאָרמאַלען צושטאַנד פון עקאָנאָמישען לעבען. נאָר אַזוי ווי דער מיטעל איז אַ קינסטליכער מוז ער סוף כל סוף פּלאַצען, ווייל די צושטערונגס-קראַפט פון די איבערפלוסען טהוט איהר צושטערונגס אַרבייט אויטאָמאַטיש.

ווען די האָלסיילערס און ריטיילערס זעהען איין אַז זיי האָבען צופיהל וואַהרע, זיינען זיי געצוואונגען צו פאַרקלענערען זייערע געוויינליכע באַשטעלונגען פאַר נייער וואַהרע, און ווען די מאַנופעקטשורערס קריגען אַריין די קלענערע באַשטעלונגען זיינען זיי געצוואונגען צו פאַרקלענערען די נאָרמע פון זייער פּראָדוקציע. כדי צו פאַרקלענערען די פּראָדוקציע מוז מען, נאַטירלידכערווייזע, פאַרקלענערען די צאָהל אַרבייטער. דער זעלבער צושטאַנד קומט פאָר אין אַלע אינדוסטריען און דאָס איז דער אָנפאַנג פון אַ קריזיס.

ווען אַ באַדייטענדע צאָהל אַרבייטער ווערען ענטלאַסען פון זייערע באַשעפטיגונגען ווערט די קויף-קראַפט פאַרקלענערט, און ווען די קויף-קראַפט ווערט פאַרקלענערט קויפט מען ווייניגער און די באַשטעלונגען אויף פּראָדוקטען ווערען נאָך קלענער און דאָס פאַרקלענערט

נאָך מעהר די צאָהל אַרבייטער, און אַזוי געהט עס כסדר מיט פאַרקלענערען די פּראָדוקציע און פאַרגרעסערען די אַרבייטסלאָזיגקייט ביז די גאַנצע סיסטעם ברעכט צוזאַמען.

פון דעם צוזאַמענברוך פון דער סיסטעם ווערט צושטערט דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבען און כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג ליידעט דערפון, ווייל דאָס מאָדערנע עקאָנאָמישע לעבען איז ווי איין גרויסע קייט, איינער איז אָפּהענגיג פון דעם צווייטען, איין אינדוסטרי איז אָפּהענגיג פון אַ צווייטער און ווען די אַלגעמיינע עקאָ-נאָמישע מאַשינערי ווערט צושטערט ריהרט עס אָן יעדען איינעם. אַלע געשעפטען פון דעם קלענסטען ביז דעם גרעסטען ליידען פון דער צושטערטער סיסטעם און עס ליידען אויך די צענטראַלע, די שטאַט און די שטאָדט רעגירונגען, ווייל די אינדוסטריען פון לאַנד פּראָדוצירען פיעל ווייניגער און דערפאַר איז ניטאָ פון וואַנען צו נעהמען די שטייערען אויף צו דעקען די אומגעהייער גרויסע אויסגאַבען פון די אַלע דריי רעגירונגען, וועלכע האָבען באַטראָפען אין די גוטע צייטען, (אין צייט פון פּראָספּעריטי) אומגעפעהר 12 ביליאָן דאָלאַר אַ יאָהר. אָבער מעהר פון אַלע ליידען די אַרבייטסלאָזע, איבער-הויבט די וועלכע האָבען ניט געהאַט די מעגליכקייט אָבצושפּאָרען פון זייערע פאַרדינסטען ווען זיי האָבען געאַרבייט. דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו שילדערען די אַלע ליידען וועלכע מעהרסטע פון די אַרבייטסלאָזע געהען דורך, סיי פיזיש און סיי גייסטיג, איך מוז אָבער באַמער-קען אַז שולדיג אין די ליידען פון עקאָנאָמישע אומ-שטענדען איז ניט די נאַטור און אויך ניט קיין פינסטערע אומבאַוואוסטע קראַפט, נאָר שולדיג אין דעם איז די באַוואוסטזיניגע האַנדלונג פון מענשען אַליין, די קליינע

צאָהל מענשען, וועלכע האַלטען אין זייערע הענד דעם שיקזאַל פון דער גאַנצער מענשהייט.

עס איז מערקווירדיג ווי אַזוי אונזער עקאָנאָמישע סיסטעם האָט זיך אויסגעאַרבייט פון זיך אליין אַז גראַדע די ליידענדע אַרבייטסלאַזע ברייגען די הילף פאַר אַלעמען. דאָס ווערט נאַטירליך געטון אונבאַוואוסטזיניג.

ווי אַזוי עקאָנאָמישע קריזיסען פאַרשווינדען

אין פריערדיגען קאַפּיטעל האָב איך ערקלעהרט ווי אַזוי די עקאָנאָמישע קריזיסען ווערען פאַראורזאַכט, און איצט וויל איך ערקלעהרען ווי אַזוי זיי פאַרשווינדען.

ווי עס איז באַוואוסט געהען מיר דורך אומגעפעהר יעדע 7 יאָהר אַ עקאָנאָמישען קריזיס, וועלכער דויערט געוועהנליך איין יאָהר, העכסטענס אַ יאָהר און אַ האַלב. דער איצטיגער קריזיס דויערט שוין אָבער פיער און האַלב יאָהר, און עס צייגט זיך כמעט ניט קיין פאַרבעסערונג. אייגענטליך איז עס פאַלש אָנצורופען שלעכטע עקאָנאָמישע אומשטענדען אַלס קריזיס, ווייל אַ קריזיס רופט מען אַן איבערגאַנג, ווען אַ קראַנקהייט אָדער שלעכטע עקאָנאָמישע אומשטענדען דערגרייכען די העכסטע שטופע און דער צושטאַנד נעהמט אַן אַ ווענדונג אָדער צו אַן אויפלעבונג אָדער צו פאַרניכטונג. דאָס וואָס מיר רופען אין עקאָנאָמישען לעבען — קריזיס דאַרפען מיר אייגענטליך רופען עקאָנאָמישע קראַנקהייט, ווייל די סיסטעם פון אונזער עקאָנאָמישען לעבען ווערט קראַנק; אייגענטליך איז אונזער עקאָנאָמישע סיסטעם אַלע מאָהל קראַנק, זי לעבט זיך נאָר אָפּ ווען מען בלאָזט אין איהר אַריין נייעם לעבען, ווען מען גיט איהר אַקסידזשען, אָבער אַזעלכע מיטלען האַלטען ניט לאַנג אויף איהר געזונטען אָדער האַלב-געזונטען צושטאַנד און זי ווערט ווידער קראַנק.

אַנאַליזירענדיג דעם גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער

סיסטעם זיינען מיר געקומען צום פונקט וואו די סיסטעם האט צוזאמענגעבראכען און, ווי עס איז אונז שוין באוואוסט, האט זי צוזאמענגעבראכען פון די גרויסע סורפלוסען, וועלכע זאמלען זיך אן פון די פראפיטען און פערזענליכע שפארונגען, אין דער צייט פון די 7 יאהר פון דעם אינטערוואל פון איין קריזיס ביז דעם צווייטען, דאס הייסט אין צייט פון פראספעריטי אדער נארמאלע עקאנאמישע אומשטענדען.

דאס צייגט, אז די עקאנאמישע קראנקהייט, וועלכע מיר רופען קריזיס, קומט ניט פלוצלינג. ער, דער קריזיס, הייבט זיך אן אנטוויקלען באלד ווי מיר קומען צוריק צו א נארמאלען צושטאנד פון פריערדיגען קריזיס, ווען די סורפלוסען הייבן זיך ווידער אן זאמלען. אין דער צייט ווען די סורפלוסען זאמלען זיך, און לאזען זיך נאך ניט פיהלען, דענקט די באפעלקערונג אז אלעס געהט ווי עס דארף צו זיין, מען פארדעכטיגט גאר ניט אז א נייער קריזיס ווערט צוגעגרייט. און ווען א קריזיס ברעכט ווידער אויס, דאן הייבט מען ווידער אן, ווי געוויינליך, זוכען די אורזאכען דערפון. מען טראכט צו פארשיעדענע אורזאכען, נאר די ריכטיגע אורזאכע ברענגט מען קיינמאהל ניט ארויס.

די פראגע שטעלט זיך יעצט: ווי אזוי ווערט א קריזיס פארשוואונדען און ווי אזוי קומען מיר צוריק צו א נארמאלען צושטאנד?

ווי איך האב שוין פריהער ערקלעהרט, פאנגט זיך א קריזיס אן דאן ווען מען הייבט אן אנטזאגען ארבייטער פון זייערע באשעפטיגונגען, אבער דא קומט פאר א מערקווירדיגע ערשיינונג:

מיט דעם אנפאנג פון דער עקאנאמישער קראנקהייט, וועלכע מיר רופען קריזיס, פאנגט זיך באלד אן א היילונג

צי דער קראַנקהייט, ווי אַ געגענגיפט אין אַ לעבעדיגען קערפּער, און דער קאַמף געהט אַן אַזוי לאַנג ביז דער געגענגיפט באַזיגט די קראַנקהייט און דאַן קומט פאַר דער „טוירנינג פּוינט" (ווענדע פּונקט).

דער פּראָצעס דערפון איז פאָלגענדער:

ווען אַ גרופּע אַרבייטער ווערען ענטלאַסען פון זייערע באַשעפטיגונגען ווערט דערמיט די פּראָדוקציע פון לאַנד פאַרקלענערט, אומגעפעהר אויף אַזוי פיעל ווי פיעל עס נעהמט זיך אַן אויף דעם חלק פון די ענטלאַסענע אַרבייטער, דאָס הייסט, אַז פאַר די אַרבייטסלאָזע ווערט ניט פּראָדוצירט. אָבער די אַרבייטסלאָזע, וועלכע האָבען פאַרלאָרען זייערע איינקינפטע דאַרפען דאָך אויך לעבען. זיי גיבען ניט אוים אַזוי פיעל ווי פיעל זיי האָבען אויסגעגעבען ווען זיי האָבען געאַרבייט, אָבער לעבען דאַרפען זיי. מיר וועלען אָננעהמען אַז די אַרבייטסלאָזע גיבען אוים דורכשניטליך העלפט דערפון ווי פיעל זיי גיבען אוים ווען זיי אַרבייטען, אַ טהייל פון זיי לעבען פון זייערע פריהערדיגע שפּאָרונגען און אַ טהייל לעבען פון הילף (טשאַריטי).

ווען אין אַ לאַנד פאַרנגט זיך אַן אַ קריזים מיט אַרבייטסלאָזיגקייט ווערט די באַפעלקערונג צוטיילט אויף צוויי טהיילען: איין טהייל זיינען די אַרבייטסלאָזע מיט זייערע פאַמיליעס, וועלכע נעהמען ניט קיין אַנטהייל אין עקאָנאָמישען לעבען; דער צווייטער טהייל זיינען די אַרבייטענדע, וועלכע נעהמען יאָ אַן אַנטהייל אין עקאָנאָמישען לעבען: זיי פּראָדוצירען, קריגען אַן איינקונפט, קויפען אָפּ די פּראָדוקציע און שאַפען אַ סורפּלוס פון פּראָפיטען אין פערזענליכע שפּאָרונגען.

דער טהייל פון דער באַפעלקערונג, וועלכער נעהמט ניט קיין אַנטהייל אין עקאָנאָמישען לעבען, מוז אַלזאָ אָנקומען נאָך זייערע באַדערפניסע צו דעם פּראָדוצירענדען

טהייל פון דער באַפעלקערונג. ווייל אַליין פּראָדוצירען זיי ניט, זיי פאַרצעהרען נאָר, און דאָ קומט די הילף אָדער דער געגענגיפט צו דער קראַנקהייט. דער ניט פּראָדוצירענדער טהייל פון דער באַפעלקערונג קויפט אָפּ די סורפּלוסען, וועלכע האָבען זיך אָנגעזאַמעלט פון פריהער און וועלכע האַלטען זיך אין זאַמלען. זיי, די אָרימע ליידענדע אַרבייטסלאָזע, זיינען דאָס דער געגענגיפט צו דער עקאָנאָמישער קראַנקהייט. זיי זיינען אונזערע רעטער, זיי שלעפּען אונז אַרויס פון דער עקאָנאָמישער קראַנקהייט — פון דעם קריזיס. דורך דעם וואָס זיי פאַרצעהרען די אָנגעזאַמעלטע סורפּלוסען, דורך הילף (טשאַריטי), ערנידערונגען און אונמענשליכע ליידען.

ווען די סורפּלוסען שעפּען זיך אויס הויבט זיך אָן פיהלען אַ מאַנגעל אין פּראָדוקטען און דאָ קומט דער „טוירנינג פּאָינט“.

אַזוי ווי מען הויבט אָן פיהלען אַ מאַנגעל אין פּראָדוקטען, הויבט מען ווידער אָן אָנשטעלען אַרבייטער, כדי צו פאַרגרעסערען די פּראָדוקציע. די אַרבייטסלאָזיגקייט הויבט זיך אָן פאַרקלענערען און דאָס עקאָנאָמישע לעבען ווערט ווידער אויפגעלעבט. דער גרעסטער טהייל אַרבייטסלאָזע קערען זיך אום צו דער אַרבייט; די געשעפטען פאַרבעסערען זיך און עס זעהט אויס אַז אונזער אַלטע גוטע פּראָספּעריטי איז שוין ווידער דאָ. אָבער ליידער, די אַלטע עקאָנאָמישע קראַנקהייט פון פּראָפיטען און פערזענליכע שפּאַרונגען הויבט זיך באַלד ווידער אָן ענטוויקלען. די סורפּלוסען הויבען זיך ווידער אָן זאַמלען, אויסשפּרייטענדיג זיך אין די מאַסען ריטייל סטאָרס איבער דעם גאַנצען לאַנד, אונבאַמערקטערהייד. עס געהט ווידער אַוועק אומגעפעהר 7 יאָהר פון בעסערע צייטען, אָבער אין פאַרלויף פון די 7 יאָהר האַלטען די סורפּלוסען אין זאַמלען זיך, ביז מען ווערט ווידער גע־

צוואונגען צו פארקלענערען די פראדוקציע און אויך די צאהל ארבייטער, און דאס איז אן אנזאג אז אונזער אלטער שונא — דער קריזיס קומט ווידער. מיר געהען ווידער דורך די טרויעריגע פראצעדורע פון ארבייטסלאזיגקייט, „ביזנעס דעפרעשאן", טשאריטי-הילף און גרויסעליידען פון נויט, הונגער און קעלט.

עס איז אמת אז די קאפיטאליסטישע סיסטעם האט זיך אלע מאהל ארויסגעדרייט פון איהרע פעריאדישע קריזיסען און וועט פיליכט אין איצטיגען גרויסען קריזיס אויך נים אונטערגעהן, אבער די מאסען באצאהלען צו טהייער פאר אויפהאלטען די קאפיטאליסטישע סיסטעם, פאר דעם בענעפיט פון א קליינעם טהייל פון דער באפעלקערונג, וויל דער גרעסטער טהייל פון דער באפעלקערונג ליידעט פון דער סיסטעם.

פאַרוואָס איז איצטיגער קריזיס אַן אַלגעמיינער איבער דער גאַנצער וועלט

דעם יעצטיגען קריזיס רופען מיר „אַלוועלטליכער“. עס איז אָבער ניט ריכטיג, ווייל דער גרעסטער טהייל פון דער באַפעלקערונג פון די צוריקגעשטאַנענע לענדער האָט אַלע מאָהל געליטען גרויס נויט און ליידעט יעצט אויך, פיליכט יעצט עטוואָס מעהר ווי געוועהנליך. אין יענע לענדער קומען ניט פאָר קיינע עקסטרימע ענדערונגען אין עקאָנאָמישען לעבען, ווייל זייערע אינדוסטריען זיינען אין דעם זין פון טעכניק זעהר ווייניג ענטוויקעלט, און דערפאַר זיינען די אַפּעטיטען פאַר גרויסע פראָפיטען אויך פיעל ווייניגער ענטוויקעלט ווי אין די עקאָנאָמיש ענט-וויקעלטע לענדער.

די אינדאָסטריאַל עטוויקעלטע לענדער, ווי אייראָפּאַ און די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע האָבען אַלע דורכגעמאַכט די זעלבע ליידען און פריידען: פריהער דעם קריעג און דערנאָך די איבערבויהונג, און אַזוי ווי די אַלע לענדער האָבען די זעלבע אַפּעטיטען פאַר גרויסע פראָפיטען, האָבען זיי אַלע איבערגעכאַפּט די מאָס און אַלע ליידען יעצט דערפון. אין דעם זין פון איבערכאַפּען די מאָס שטייט אַמעריקע פיעל העכער פון אַלע אַנדערע לענדער, ווייל אין דער צייט ווען די אַנדערע לענדער זיינען געווען פאַרנומען מיט פאַרניכטענדער-אַרבייט פון קריעג, האָט אַמעריקע פראָדוצירט פאַר יענע לענדער און פראָפיטירט דערפון.

פאַרוואָס האָט די לעצטע פּראָספּעריטי אָנגע־האַלטען פיעל לענגער ווי פריהערדיגע

די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם האָט זיך אַלע מאָהל געפיהרט כאַאָטיש, אָהן אַ קאָנטראָל. נייע פאַבריקען און לאחדים געשעפטען (ריטיילערס) ווערען געעפענט יעדען טאָג צו מען דאַרף צו מען דאַרף ניט, און דאָך איז דער עקאָנאָמישער לעבען פאַר דעם וועלט קריעג אָנגע־גאַנגען מעהר אָדער ווייניגער רעגעלמעסיג. עס איז אמת אַז די אונטערנעהמער האָבען דאַמאָלס אויך געמאַכט גרויסע פּראָפיטען, די באַפעלקערונג האָט געשפּאָרט געלד, עס האָבען זיך געזאַמעלט סורפּלוסען, וועלכע האָבען פאַראורזאַכט עקאָנאָמישע קריזיסען און אַרבייטס־לאָזיגקייט; די עקאָנאָמישע סיסטעם איז דאַן אויך געווען אין אַ כאַאָטישען צושטאַנד, אָבער אַלעס האָט אויסגעזעהן מעהר אָדער ווייניגער נאָרמאַל, דאָס הייסט קיינע עקס־טרימע ענדערונגען זיינען ניט פאָרגעקומען ביז דעם שרעקליכען וועלט קריעג, וועלכער האָט אָנגעמאַכט אַן איבערקערעניש סיי אין עקאָנאָמישען סיי אין געזעל־שאַפטליכען לעבען. נאָר איידער איך וועל אָנגעהן מיט מיינע ערקלעהרונגען וועגען דעם אונטערשיעד צווישען פריהערדיגע פּראָספּעריטיס און דער לעצטער, וויל איך מאַכען פאָלגענדע באַמערקונג.

אין יעדען לאַנד ווערען פּראָדוצירט אַזעלכע אַר־טיקלען וועלכע געהען דירעקט ניט אַריין אין דעם סטאַנדאַרד פון לעבען פון אַלטעגליכע באַדערפעניסע פון אַ באַפעלקערונג. זיי זיינען: הייזער, שיפען, הייזער־באַהנען, מאַשינערי, א. אַ. וו. דאָס וואָס עס ווערט

אויסגעצאָהלט פאַר פּראָדוצירען די אויבענדערמאָנטע אַרטיקלען, ווערט ניט אויסגעגעבען אויף אַבצוקויפען זיי, ווייל זיי זיינען ניט פאַר דעם טעגליכען געברויך פון היינצעלנע מענשען, זיי ווערען ניט פאַרצעהרט, זיי זיינען מיטלען צו פּראָדוצירען און טראַנספּאָרטירען די אַרטיקלען וועלכע ווערען פאַרצעהרט. יענע אַרטיקלען ווערען נאָר לאַנגזאַם אַבגענוצט און זייער ווערטה ווערט פאַרקלענערט מיט יעדען יאָהר פון זייער עקזיסטענץ.

כדי צו דעקען אָדער צוריקקריגען דעם אויסגעלייגטען קאַפּיטאַל אויף צו פּראָדוצירען די טעכנישע מיטלען פאַר דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע, און אַנדערע אַרטיקלען, וועלכע ווערען דירעקט ניט אַבגעקויפט ביי דער באַפעלקערונג, ווערט דער פאַרלוסט אָדער פאַרקלענערטע ווערטה, (אין ענגליש דעפּרישיהיישאָן) פון נוצען יענע אַרטיקלען צוגערעכענט צום קאָסט פון דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע, לויט דער צייט פון זייער עקזיסטענץ, צום ביישפּיעל:

די דורכשניטליכע עקזיסטענץ פון אַ הויז איז 50 יאָהר, רעכענט מען 2% אַ יאָהר דעפּרישיהיישאָן פאַר 50 יאָהר צייט; די דורכשניטליכע עקזיסטענץ פון מאַשינערי איז 10 יאָהר, רעכענט מען 10% אַ יאָהר דעפּרישיהיישאָן, פאַר 10 יאָהר צייט א. אַ. וו., אין אַנדערע ווערטער: יעדער דאָלאַר וואָס ווערט אריינגע־לייגט אין אַן אונטערנעהמונג ווערט אויסגעצאָהלט צו דער באַפעלקערונג און ער מוז צוריק קומען פון דער באַפעל־קערונג, אויסער די פערזענליכע שפּאָרונגען, נאָר אַזוי ווי יענע אויסגרעכענטע אַרטיקלען ווערען ניט אַבגעקויפט ביי דער באַפעלקערונג, און דער אריינגעלעגטער קאַפּיטאַל קומט ניט באַלד צוריק דירעקט פון דער באַפעלקערונג, דאַן מוז מען דעם קאַפּיטאַל צורעכענען צו דעם קאָסט פון דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע, און אַזוי אַרום קריגט

מען דעם קאַפּיטאַל צוריק אין העכערע פּרייזען. דאָס ווערט אָבער ניט געטהאָן אין איין מאָהל. דער קאַפּיטאַל וועלכער ווערט אויסגעגעבען אין איין יאָהר צייט ווערט צוטהיילט אויף אַזוי פיעל יאָהר וויפיעל די פריהער דערמאָהנטע אַרטיקלען עקזיסטירען.

אונטער נאָרמאַלע עקאָנאָמישע אומשטענדען, ווען אַלעס ווערט פּראָדוצירט אומגעפעהר אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע פון יאָהר צו יאָהר, ווערען די אויסגאַבען פון יענע אַרטיקלען געדעקט אויף דעם פאָלגענדען אופן: אַלס אַ ביישפּיעל וועלען מיר נעמען מאַשינערי. מיר ווייסען שוין אַז די דורכשניטליכע עקזיסטענץ פון מאַשינערי איז 10 יאָהר צייט, הייסט עס, אַז די דעפּרי־שיהיישאָן איז 10% פאַר 10 יאָהר צייט. מיר וועלען אָננעהמען אַז אונטער נאָרמאַלע אומשטענדען, פאַר דעם וועלט קריעג, האָט מען פּראָדוצירט מאַשינערי פאַר 1 ביליאָן דאָלער יעדען יאָהר, 10% דיפּרישיאיישאָן פון 1 ביליאָן דאָלאַר פאַר איין יאָהר צייט באַטרעפט 100 טויזענד דאָלאַר, וועלכע ווערען צוגערעכענט יעדען יאָהר צו די קאָסטען פון דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע, און פאַר 10 יאָהר צייט באַטרעפט די דעפּרישיאיישאָן — 1 ביליאָן דאָלאַר, פונקט אַזוי פיעל ווי פיעל עס באַ־טרעפט די פּראָדוקציע פון מאַשינערי פאַר איין יאָהר צייט. דאָס הייסט אַז דער ביליאָן דאָלאַר, וועלכער ווערט אויסגעגעבען אויף פּראָדוצירען מאַשינערי, ווערט צו־טהיילט אויף 10 יאָהר, און ווערט צוגערעכענט צו די קאָסטען פון דער באַטרעפענדער פּראָדוקציע. אַזוי ווערען געדעקט די אינוועסטמענטס אין פּראָדוצירען די פריהער אויסגערעכענטע אַרטיקלען אין נאָרמאַלע צייטען, ווען קיינע עקסטרימע ענדערונגען אין עקאָנאָמישען לעבען קומען ניט פאָר.

מיט דער באַמערקונג וויל איך אַרויסברענגען, אַז

אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם קומט פּראָס־פּעריטי דאַן ווען מען פּראָדוצירט, אין אַ באַדייטענד גרעסערער מאָס ווי געוועהנליך, די יעניגע אַרטיקלען, וועלכע געהען ניט אַריין אין דעם סטאַנדאַרד פון לעבען און ווערען דירעקט ניט אָבגעקויפט ביי דער באַפעלקערונג. דאָס וואָס די באַפעלקערונג פאַרדינט ביי אַזעלכע אַר־טיקלען, ווערט אויסגעגעבען אויף אַלטעגליכע באַדערפניסע און דערפון פאַנגט זיך אָן פּראָספּעריטי. דאָס וואָלט אויך געווען דער בעסטער מיטעל אויף אַרויסצוקריכען פון דעם קריזיס, כאָטש דאָס וואָלט נאָר געווען צייטווייליג.

שטענדיגע פּראָספּעריטי אונטער קאַפּיטאַליזם וואָלט מעגליך געווען נאָר דאַן ווען די סורפּלוסען פון פּראָדוקציע וואָלטען עקספּאָרטירט געוואָרען אין אַנדערע לענדער; נאָר אַזוי ווי אַלע לענדער געפינען זיך אין דער זעלבער לאַגע, איז אַזאַ זאַך ווי עקספּאָרטירען די סורפּלוסען פון אַלע לענדער אונמעגליך.

יעצט ווילען מיר זיך אומקעהרען צוריק צו דעם פּונקט פאַר דער באַמערקונג.

ווען די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע האָבען זיך אָנגעשלאָסען אין דעם וועלט קריעג, האָט דאָס לאַנד באַלד באַדייטענד פאַרגרעסערט די פּראָ־דוקציע פון אַמוניציע. מען האָט געבויט באַראַקען אַלס זאַמלונגס פּונקטען פאַר רעקרוטען; מען האָט געבויט שיפען און אַנדערע ענליכע זאַכען. מען האָט אַוועקגענומען גרויסע מאַסען אַרבייטער פון געוויינ־ליכע אינדוסטריען צו די אויבען־דערמאַנטע אינדוסטריען און אויך צום פראָנט, און דאַן האָט זיך אָנגעהייבען פיהלען אַ מאַנגעל אין אַלטעגליכע פּראָדוקטען און דערמיט האָט זיך אָנגעהייבען די פּראָספּעריטי.

די אבנאָרמאַלע אומשטענדען וועלכע האָבען זיך געשאַפען אין צייט פון קריעג, דאָס הייסט די נויטווענ־

דיגקייט צו פּראָדוצירען קריעגס מאַטעריאַלען, און דער מאַנגעל אין געוועהנליכע פּראָדוקטען, האָבען געגעבען אונטערנעהמער און ספּעקולאַנטען אַ געלעגענהייט אַרויפצוצווינגען אונגעהייערע הויכע פּרייזען אויף אַלע פּראָדוקטען פון לאַנד.

די אַרבייטענדע מאַסען, וועלכע האָבען נאָך געקראָגען די נידעריגע ווייזשעס (לוין) פון פאַר דעם קריעג, דערפיהלענדיג דעם דרוק פון די הויכע פּרייזען, האָבען אויך דערפיהלט די נויטווענדיגקייט, די באַרעכטיגונג און די מעגליכקייט צו קריגען הויכע וועדזשעס (לוין) און זיי האָבען דאָס געקראָגען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ פיבערהאַפטע טעטיגקייט אין עקאָנאָמישען לעבען: ווען די אַרבייטענדע מאַסען האָבען דערפיהלט אַז זייער לאַגע האָט זיך באַדייטענד פאַרבעסערט, האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבען ענטוויקלען אַ פאַרלאַנג פאַר אַ העכערען סטאַנדאַרד פון לעבען: זיי האָבען אָנגעהויבען פאַרלאָזען די אַלטמאָדישע הייזער מיט די אונבאַקוועמע וואָהנונגען און האָבען זיך אָנגע-הויבען אַריינציהען אין די בעסערע הייזער מיט באַקווע-מערע וואָהנונגען; עס האָט זיך אין זיי אָנגעהויבען ענטוויקלען אַ העכערער געשמאַק פאַר בעסערע און שענערע זאַכען.

דער צווייטער טהייל פון דער באַפעלקערונג, דער טהייל וועלכער פיהרט אָן מיט אונזער עקאָנאָמישען לעבען, און באַזאָרגט אונז מיט אַלע גוטע זאַכען פון לעבען, אויב מיר קענען באַצאָהלען דערפאַר, האָט דער-זעהן פאַר זיך גרויסע געלעגענהייטען. זיי האָבען איינגעזעהן אַז די באַפעלקערונג פאַרדינט גוט און האָט אַ פערלאַנג פאַר קאָסטבאַרע זאַכען, האָט מען אָנגעהויבען פּראָדוצירען קאָסטבאַרע זאַכען. אויף די ביליגע זאַכען האָט מען אַזוי פיעל געהעכערט די פּרייזען אַז זיי זיינען

אויך געווארען קאסטבאר. אלע פראדוקטען וועלכע האבען זיך דאמאלס געפינען אין לאנד און וועלכע זיינען פראדוצירט געווארען לויט די פריהערדיגע נידעריגע וויידזשעס האבען געקראגען די ווערטה צוויי מאהל אזוי פיעל. דער פארלאנג פון דער באפעלקערונג נאך פארשיעדענע פראדוקטען איז געווארען פיעל גרעסער ווי דער אנבאט, און עס האט עקזיסטירט א מאנגעל אין פראדוקטען.

אזא צושטאנד האט עקזיסטירט אין צייט פון קריעג. אבער ווען דער קריעג האט זיך געענדיגט און מען האט אויפגעהערט צו פראדוצירען די קריעגס-מאטעריאלען האט זיך די באפעלקערונג ארייגעווארפען, מיט דעם גרעסטען אימפעט, צו פראדוצירען די נויטווענדיגע ווי אויך לוקסוסדיגע ארטיקלען, און אלעס פון די בעסטע: מען האט פראדוצירט קאסטבארע קליידער און שיך, אין הונדערטער פארשיעדענע סטיילס (מאדעס) פון פרויען קליידער און שיך, בעסטע זיידענע זאקען און אונטערוועש, טהייערע מעבעל, פאנאגראפס און אנדערע הויז ארטיקלען, און אויטאמאבילס.

מיט דער ענטוויקלונג פון אלע אינדוסטריען פון לאנד האט זיך באוויזען א נויטווענדיגקייט אין מעהר מיטלען פאר פראדוקציע, האט מען פראדוצירט מעהר מאשינערי און מעהר טראנספארטירונגס מיטלען.

אין צייט פון קריעג האט מען, איבער מאנגעל אין ארבייטער, ניט געבויט קיינע הייזער. איז נאכדעם געווארען א מאנגעל אין וואהנונגען און מען האט זיך ענערגיש גענומען בויען גרויסע בעקוועמע אפארטמענט הייזער פאר וואהנונגען און גרויסע הימעלקראצער פאר געשעפט. אין אלע הייזער, וועלכע האבען זיך געבויעט אין ניט קיין באשרענקטער (רעסטריקטעט) נאכבארשאפט, האט מען געבויט סטארס. אויסער דעם האט מען

געבויט מאסען סטארס אהן וואהנונגען, ווי מען רופט עס טעקספייערס. עס האט א׳יסגעזעהען אז דאס לאנד האט זיך פארנומען אויף א גרויסען אופן צו פארגרעסערען די פראדוקציע פון לאנד, אזוי ווי מען וואלט ערווארטעט אז די באפעלקערונג וועט זיך, אין א פאר יאהר צייט, פארצווייפאכען.

די אלע פיבערהאפטע טעטיגקייטען, אויף אלע געביטען פון עקאנאמישען לעבען, זיינען אבער אנגע־גאנגען אונבאוואוסטזיניג. איינער האט זיך פארקוקט אויף דעם צווייטען, און מען האט פראדוצירט אהן א רעכענונג, עס האט געבומט, יעדערער האט אין זינען געהאט נאר זיינע אייגענע מאטעריעלע אינטערעסען, וועלכע זיינען באשטאנען פון גרויסע פראפיטען. צו דעם גרויסען בום האבען פיעל מיטגעהאלפען די פארפיהרע־רישע נייע סטארס, וועלכע האבען זיך אויסגעבויט אין א גרויסער צאהל. מען האט געקוקט אויף די נייע גרויסע שעהנע סטארס ווי אויף א נויטווענדיגקייט, ווען דאס זאל ניט זיין קיין נויטווענדיגקייט, האט מען זיך געטראכט, וואלט מען זיי דאך ניט געבויעט.

דער בום האט זיך פאנאנדערגעוואקסען אלץ גרעסער, און מענשען, וועלכע האבען קיין האנונג ניט געהאט וועגען געשעפט, נאר זיי האבען פארמאגט צו פאר טויזענד דאלער, האבען באשלאסען אז זיי דארפען אויך געניסען פון דער גרויסער פראספעריטי. נאר אזוי ווי א גרויסער טהייל פון די טרוימער האבען ניט געהאט קיין באגריף אין געשעפטס־אונטערנעהמונגען, האבען זיי באשלאסען צו עפענען סטארס, ווייל אין דעם פאדערען זיך ניט קיינע ספעציעלע קענטניסע, און מען האט אנגעהויבען עפענען ריטייל סטארס אין גרויסע מאסען; ווי פיעל סטארס מען האט אויסגעבויעט זיינען אלע פארנומען געווארען.

וואס מעהר ריטייל סטארס עס האבען זיך געעפענט

אַלץ גרעסער איז געוואָרען די פּראָספּעריטי, אַלץ מעהר האָט מען פּראָדוצירט, אָבער ניט ווייל די באַפעלקערונג האָט פאַרבראויכט אַזוי פיעל, נאָר ווייל מען האָט באַדאַרפט אָנפּיהלען די גרויסע מאַסען נייע סטאָרס, וועלכע האָבען זיך געעפענט. דער גרויסער בום פון פּראָספּעריטי האָט אויך בעאיינפלוסט די פון פריהער עקזיסטירענדע סטאָרס אָנצופּיהלען מיט וואַהרע, ווייל וואָס מעהר מען פאַר־קויפט אַלץ מעהר וואַהרע מוז מען האָבען אין די סטאָרס. יעדער האָט געמיינט אַז די פּראָספּעריטי וועט זיך קיינ־מאָהל ניט אויסנעהמען און, מורא־האָבענדיג פאַר שטייגענדע פּרייזען, האָט מען זיך באַזאָרגט.

דיזער פאַלשער באַגריף וועגען דער פּראָספּעריטי, צוזאַמען מיט דעם אויסערגעוועהנליכען כאַאָס, וועלכער האָט געהערשט אין עקאָנאָמישען לעבען אין צייט פון פּראָספּעריטי, האָט פאַרלענגערט די פּראָספּעריטי. די כורפלוסען אין פּראָדוקטען, פון די גרויסע פּראָפיטען און שפּאָרונגען, האָבען זיך געזאַמעלט אַזוי לאַנג ביז די סטרונע, וועלכע איז געוואָרען צופיעל אָנגעצויגען, האָט געפּלאַצט.

אין יאָהר 1921 איז אַפילו פאָרגעקומען אַ בראָך אין דער פּראָספּעריטי און עס האָט דאַמאָלס אויסגעזעהען אַז אַ קריזיס ברעכט אויס, נאָר באַלד האָט זיך אונטערגע־רוקט דער גרויסער בום אין בויען הייזער און סטאָרס אין גרויסע מאַסען און די פּראָספּעריטי האָט זיך צוריק אַרויפגעכאַפּט אויף דער זעלבער ליניע ווי זי איז געווען פריהער און איז ווייטער אָנגעגאַנגען ביז דעם יאָהר 1929 אַריינגערעכענט.

אין 1921 איז מען אָבגעקומען נאָר מיט אַ שניט אין די ווידזשעס (לוין,) מיינסטענס איז די רייען פון ניט אָרגאַניזירטע אַרבייטער, און מיט אַ פּאָר מיליאָן אַרבייטסלאָזע.

ווי אַזוי האָט זיך דער קריזיס אָנגעפאַנגען

אין צווייטען העלפט פון יאָהר 1929 האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען אַן איבערפּראָדוקציע אין אַלע אינדוסטריען פון לאַנד. די בויער האָבען זיך אַרומגעזעהען אַז עס האָבען זיך אויסגעבויעט צופיעל הייזער און דער רעזולטאַט איז געווען אַז, לויט די סטאַטיסטישע ציפערען, האָט מען אין יאָהר 1930 אויסגעגעבען אויף בויען הייזער נאָר 3 ביליאָן דאָלאַר אנשטאַט 6 ביליאָן אין יאָהר 1929. דאָס הייסט, אַז העלפט פון די אַרבייטער אין דער בוי אינדוסטרי זיינען געבליבען אַרבייטסלאָז.

אויסער דעם איז די בוי־אינדוסטרי פאַרבונדען מיט פיעל אַנדערע אינדוסטריען, ווי: שטהאָל, אייזען, ציגעל, צעמענט, געהילץ, פלאַמבינג, הארדוואַר און גלאָז. און די אַלע דערמאָנטע אינדוסטריען זיינען אויך געווען געצוואונגען צו פאַרקלענערען זייער פּראָדוקציע און פאַרגרעסערען די צאָהל אַרבייטסלאָזע.

אויסער דער בוי־אינדוסטריע מיט איהרע פאַרבונדענע אינדוסטריען האָט זיך אויך פיעל פאַרקלענערט די פּראָדוקציע פון מאַשינען און אַנדערע זאַכען וועלכע ווערען דירעקט ניט אָבגעקויפט ביי דער באַפעלקערונג פאַר דער פאַרצעהרונג, און דאָס האָהט נאָך מעהר פאַרגרעסערט די צאָהל אַרבייטסלאָזע.

די באַדייטענדע צאָהל אַרבייטסלאָזע, וועלכע האָט זיך אָנגעזאַמעלט פון די אויבענדערמאָנטע אינדוסטריען האָט באַדייטענד פאַרקלענערט די קויפס־קראַפט אין לאַנד, און דאָס האָט געפיהרט דערצו אַז די פּראָדוקציע

פון אַלע אינדוסטריען אין לאַנד איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרקלענערט געוואָרען.

מיר ווייסען שוין אַז אַ פאַרקלענערטע פּראָדוקציע פאַרגרעסערט די צאָהל אַרבייטסלאָזע און אַ פאַרגרעסערטע צאָהל אַרבייטסלאָזע פאַרקלענערט נאָך מעהר די פּראָדוקציע, און אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען מיט פאַר־קלענערען די פּראָדוקציע און פאַרגרעסערען די אַרבייטס־לאָזיגקייט ביז די גאַנצע סיסטעם האָט צוזאַמענגעבראָכען.

אין דעם ערשטען יאָהר פון קריזיס, אין 1930, איז, לויט די אָפיציעלע סטאַטיסטישע ציפערן, די פּראָדוקציע פון אַלע אינדוסטריען פון לאַנד, און אויך דער נאַציאָנאַלער איינקונפט, פאַרקלענערט געוואָרען אויף 20%. אַזאַ צושטאַנד האָט געמוזט שאַפען אַן ארמיי פון אום־געפעהר 8 מיליאָן אַרבייטסלאָזע אין דעם ערשטען יאָהר פון קריזיס.

וואָס איז די אורזאַכע וואָס יעצטיגער קריזיס דויערט פיעל לענגער ווי פריהערדיגע

די אורזאַכע פאַרוואָס יעצטיגער קריזיס דויערט אַזוי פיעל לענגער ווי פריהערדיגע איז, ווייל די פּראָספּעריטי האָט אָנגעהאַלטען פיעל לענגער ווי געוועהנליך. די גרויסע לאַנג-דויערענדע פּראָספּעריטי האָט געשאַפען אונגעהייער גרויסע סורפּלוסען, וועלכע האָבען זיך וואַרשיינליך נאָך ניט אויסגעשעפּט.

ווי איך האָב שוין פריהער ערקלעהרט, באַשטעהען די אָנגעזאַמעלטע סורפּלוסען פון פּראָפיטען און פּערזענליכע שפּאָרונגען. אין די 13 יאָהר פון גרויסער פּראָספּעריטי, איבערהויפּט אין די ערשטע פּאָר יאָהר זיינען די פּראָפיטען געווען אונגעהייער גרויסע, און אויך די שפּאָרונגען זיינען געווען גרויסע, ווייל דאַמאָלס זיינען געווען פיעל גוט-באַצאָהלטע אָנגעשטעלטע און אויך אַרבייטער. עס וועט ניט זיין איבערטריבען אַז אין די 13 יאָהר פון פּראָספּעריטי האָט זיך אָנגעזאַמעלט אַ סורפּלוס אין פּראָדוקטען פון פּראָפיטען און שפּאָרונגען פון אומגעפעהר 200 ביליאָן דאָלאַר. דער רעכענונג איז ווי פאָלגט:

אין דער צייט פון פּראָספּעריטי האָט מען פּראָדוצירט דורכשניטליך פאַר 65 ביליאָן דאָלאַר אַ יאָהר. און אין צייט פון 13 יאָהר האָט מען פּראָדוצירט פאַר 845 ביליאָן דאָלאַר.

עס איז אָנגענומען אַז די פּערזענליכע שפּאָרונגען באַטרעפען אומגעפעהר 12% פון דעם נאַציאָנאַלען

איינקונפט. עס וואָלט ניט געווען איבערטריבען ווען איך זאָל רעכענען דורכשניטליך 20% נעט פּראָפיט פון דער פּראָדוקציע, און צוזאַמען די נעט־פּראָפיטען מיט די פּערזענליכע שפּאָרונגען וואָלט, הייסט עס, באַטראָפען 32%. אין דער אינזיכט וויל איך אָבער זיין קאָנסערוואַטיוו און רעכענען ניט מעהר ווי 25% פון דער פּראָדוקציע. 25% פון 845 ביליאָן דאָלאַר באַטרעפט 211¼ ביליאָן דאָלאַר, דאָס איז אומגעפעהר די סומע וועלכע די סורפּלוסען האָבען באַטראָפען פאַר די 13 יאָהר צייט פון פּראָספּערימי. דערפון געהט אַרונטער אומגעפעהר 21¼ ביליאָן דאָלאַר עקסעס אין עקספּאָרטס, דאָס הייסט, דער עקספּאָרט וועלכער האָט איבערגעשטייגט דעם אימפּאָרט פאַר די 13 יאָהר פון פּראָספּעריטי. אַרונטערנעהמענדיג די 21¼ ביליאָן דאָלאַר פון 211¼ ביליאָן דאָלאַר, בלייבט אַ נעט סורפּלוס פון 190 ביליאָן דאָלאַר.

ווען די באַפעלקערונג וואָלט אויסגעגעבען אין צייט פון קריזיס אַזוי פיעל וויפיעל זי האָט אויסגעגעבען אין צייט פון פּראָספּעריטי און די פּראָדוקציע וואָלט זיך אין גאַנצען אָבגעשטעלט, וואָלט געדויערט אומגעפעהר 3 יאָהר צייט צו פאַרצעהרען דעם סורפּלוס. אָבער די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך, זינט די ענדע פון יאָהר 1929, נאָך דער פּראָספּעריטי, אין גאַנצען געענדערט: די קויף־קראַפט האָט זיך אָנגעהויבען פאַרקלענערען מיט דעם שטייגען פון אַרבייטסלאָזיגקייט און אויך פון דעם פאַרקלענערטען לוין פון די אַרבייטענדע. פּרייזען אויף לעבענסמיטלען זיינען געפאַלען. עס איז מעגליך אַז די פאַרקלענערטע קויף־קראַפט וועט זיך אויסגלייכען מיט די געפאַלענע פּרייזען, אָבער די פּראָדוקציע האָט זיך, נאַטירליך, אין גאַנצען ניט אָפּגעשטעלט. אויב מען פּראָדוצירט דורכשניטליך, זינט דער קריזיס האָט זיך אָנגעפאַנגען, ניט מעהר ווי אַ העלפט דערפון וואָס מען

האָט פּראָדוצירט אין די פּראָספּעריטי יאָהרען, אָדער אַ העלפט דערפון וואָס די גאַנצע באַפעלקערונג דאַרף פאַר־ברויכען אין נאָרמאַלע צייטען, דאַן האָט מען אין די 4½ יאָהר צייט פון קריזיס פּראָדוצירט אַזוי פיעל ווי פיעל עס פאָדערט זיך אין נאָרמאַלע צייטען פאַר צוויי יאָהר צייט, און צוזאַמען מיט די סורפּלוסען, וועלכע האָבען געזאָלט געדויערען דריי יאָהר צייט קומט אויס, לויט דעם רעכענונג, אַז מיר האָבען נאָך אַן איבערפּראָדוקציע אומגעפעהר פאַר איין יאָהר צייט, אויסער דעם וואָס מען וועט אין דעם יאָהר פּראָדוצירען.

אויב עס וועלען ניט אָנגענומען ווערען קיינע ווירק־זאַמע מיטלען אויף אָבצושטעלען דעם קריזיס, אין אַנדערע ווערטער, אויב די אמת׳ע אורזאַכען פון קריזיסען, דאָס הייסט פּראָפיטען און פּערזענליכע שפּאָרונגען וועלען ניט אָבגעשאַפט ווערען, דאַן קען דער קריזיס נאָך אַנהאַלטען אומגעפעהר פון איין יאָהר ביז צוויי יאָהר צייט, און ערשט דאַן קען זיך שאַפען אַזאַ מין צושטאַנד: דער אַרבייטענדער טהייל פון דער באַפעלקערונג וועט מיט די פאַרדינסטען אָבקויפען די פּראָדוקציע פון לאַנד, אויסער די ניי־געשאַפענע סורפּלוסען פון פּראָפיטען און שפּאָ־רונגען, און די אַרבייטסלאָזע וועלען, מיט טשאַריטי און פון פריהער אָבגעשפּאַרטע, אָבקויפען די נייע סורפּלוסען.

אַזאַ מין טרויעריגער צושטאַנד קען אַנהאַלטען אַזוי לאַנג ווי לאַנג די אַרבייטסלאָ ע וועלען קריגען טשאַריטי (הילף) און וואָס עס קען נאָכהער פּאַסירען נעהם איך זיך ניט אונטער צו זאָגען נביאות.

דער כאָאָס פון אונזער עקאָנאָמישער סיסטעם פאַר־אורזאַכט אַ פּאָר מיליאָן אַרבייטסלאָזע אַפילו אין נאָר־מאַלע צייטען, אָבער דאַן בייטען זיך פיעל אַרבייטער אויף זייערע שטעלעס און עס קומט אויס אַז ניט אַלע מאָהל זיינען די זעלבע אַרבייטער אַרבייטסלאָז און דער־

פֿאַר זיינען די ליידען פֿון די אַרבייטסלאָזע ניט אַזוי גרויס, אָבער אין אַ קריזיס, איבערהויפּט, אין אַזאַ לאַנגדויע־רענדען קריזיס ווי מיר לעבען יעצט דורך, געפֿינט זיך אַ גרויסע צאָהל אַרבייטער, וועלכע זיינען אַרבייטסלאָז צו צוויי, דריי און צו פֿיער יאָהר, און זייערע ליידען זיינען אונערטרעגליך.

עס איז אמת אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אַלע מאָהל אַרויסגעדרעהט פֿון אַלע פֿריהערדיגע קריזיסען און וועט זיך נאָך וואהרשיינליך פֿון דעם קריזיס אויך אַרויס־דרעהען, אָבער דער גרעסטער טהייל פֿון דער באַפֿעל־קערונג באַצאָהלט צו אַ גרויסען פּרייז דערפֿאַר. די ליידען פֿון דער מענשהייט זיינען צו גרויס און צו דויערהאַפֿט

דער כאַאָס וועלכער הערשט אין דער עקאָנאָמישער סיסטעם ברענגט אַריין אַ כאַאָס אויך אין דעם געזעל־שאַפֿטליכען לעבען: די מאַסען ווערען דעמאָראַליזירט און די דעמאָראַליזאַציע שטופּט פֿיעלע פֿון זיי צום אָבגרונט פֿון פֿאַרברעכען. די וועלכע זיינען נעכטען געווען אַנ־שטענדיגע און אָרענטליכע אַרבייטער ווערען היינט פֿאַרברעכער. פֿיעלע פֿון די מאַסען אַרבייטסלאָזע ווערען פֿויל, גלייכגילטיג, פֿאַרלירען זייער זעלבסטווירדע און ווערען צוגעוועהנט צו טשאַריטיס, און דאָס אַלעס דער־שטיקט אין דעם מענשען די גוטע מענשליכע געפֿיהלען און וועקט בייזוויליגקייט. די מאַסען פֿיהלען אַז זיי געהען אונטער און קענען זיך ניט העלפֿען. זיי פֿאַרלירען דעם צוטרוי צו זייערע פֿיהרער ווייל די פֿיהרער נעהמען ניט אָן קיינע ווירקזאַמע מיטלען אום אָבצושטעלען דעם קריזיס.

די מיטלען וועלכע ווערען אָנגענומען געגען קריזיס קענען ניט העלפֿען, ווייל זיי שאַפֿען ניט אָפּ די אמת'ע אורזאַכען פֿון קריזיסען.

ווי אַזוי קען אינפֿליישאָן, וועלכע דאַרף ביליגער

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL
ייִדישע פֿאָלקס ביבליאָטעק
ספריה העברית העממית
753148

מאכען דעם דאלאר און העכערען די פרייזען אויף לעבענס מיטלען, הלעפען די נויטליידענדע קויפען זייערע באדערפניסע, ווען זיי קענען דאס ניט טהאן אפילו דאן ווען דער דאלאר איז טהייער און די לעבענס מיטלען זיינען ביליג. די העכערע פרייזען קענען נאר פארגרעסערען דעם ווערטה פון אייגענטהום פון די פארמעגליכע, אבער די נויטליידענדע פארמאגען ניט קיין אייגענטהום און אינפליישאן קען, אין אלגעמיין, ברענגען מעהר שאדען ווי נוצען.

די נ. ר. א., דאס הייסט די נאציאנאלע אויפלעבונגס אדמיניסטראציע, נעהמט אן פארשידענע מיטלען אויפצולעבען די אינדוסטריען און האנדעל און צו פארקלענערען די צאהל ארבייטסלאזע אין לאנד, אבער די מיטלען וועלכע ווערען אנגענומען קענען דעם געווינשטען ציעל ניט דערגרייכען. דיעזע מיטלען וועלען פארקלענערען די עקספלואטאציע פון די ארבייטער און העלפען זיי זיך צו ארגאניזירען, און דאס איז א גוטער אויפטהו פון א רעגירונג פון א קאפיטאליסטישער לאנד, אבער זיי — די מיטלען קענען ניט פיעל העלפען אין אויפלעבען די אינדוסטרי און האנדעל, ווייל אלס אנהענגער פון קאפיטאליזם, טרעט די רעגירונג ניט אפ פון די פרינציפען פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, וועלכע איז באגרינדעט אויף פראפיט, און פראפיטען קענען זיי ניט אבשאפען, ווייל דאס וואלט געמיינט די אבשאפונג פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם אליין.

אזוי לאנג ווי עס עקזיסטירט אן אונטערשיעד צווישען פראדוקציע און פארצעהרונג און אזוי ווי דער אונטערשיעד באשטייט פון פראפיטען קען קיין פראגע ניט זיין פון אפשטעלען אדער פארמיידען קריזיסען.

דער פרעזידענט פון קאלאמביא אוניווערסיטעט, ניקאלאס מעררעי באטלער, האט אין א בריעף, אדרעסירט

צו מיר, ערקלעהרט פאלגענדעס: „עס דארף ניט זיין קיין איבערפראדוקציע אין דער צייט ווען א גרויסע צאהל מענשען נויטיגען זיך אין פראדוצירטע ארטיקלען און זיינען ניט אימשטאנד זיי צו קויפען". ווייטער זאגט ער, אז ער איז שוין לאנג מיט דער מיינונג אז אין א געזונטער עקאנאמישער סיסטעם מוז די פראדוקציע און פארצעהרונג באלאנסען, דאס הייסט: עס דארף ניט זיין קיין איבערפראדוקציע, אבער ווען אן איבערפראדוקציע עקזיסטירט, דאן איז זיכער אז עס וועט זיין נויט, ליידען און פאלגליך א קריזיס.

דערמיט וואס פרעזידענט באטלער באהויפטעט אז די פראדוקציע און די פארצעהרונג דארפען באלאנסען אדער זיך אויסגלייכען, מיינט ער אז מען דארף פארצעהרען אלעס וואס מען פראדוצירט, און באשטעטיגט אז דער אונטערשיעד צווישען פראדוקציע און פארצעהרונג, דאס הייסט דער סורפלוס, באשטייט פון פראפיט, ווייל ווען מען זאל פארצעהרען אלעס וואס מען פראדוצירט, וואלט קיין פראפיט ניט עקזיסטירט. דאס וואלט געמיינט אז מען פארקויפט די פראדוקטען צו דער באפעלקערונג פאר דעם זעלבען ווערטה וואס מען האט אויסגעצאהלט צו דער באפעלקערונג פאר די זעלבע פראדוקטען.

אזוי לאנג ווי פראפיטען זיינען ערלויבט קען פראדוקציע און פארצעהרונג ניט באלאנסען און עס מוז עקזיסטירען איין איבערפראדוקציע. ווען עס זאל אפילו פראדוצירט ווערען ניט מעהר ווי א העלפט פון דעם וואס די באפעלקערונג דארף פארברויכען וועט אלץ זיין אן איבערפראדוקציע אדער א סורפלוס פון די פראפיטען און די פראדוקציע מיט דער פארצעהרונג וועלען ניט באלאנסען.

ווען די איבערפראדוקציע וואלט געוועזן א רעזולטאט פון פראדוצירען צו פיעל, ווי איניגע באהויפטען, און ניט

פון די פראפיטען, וואלט די באפעלקערונג געהאט דאס געלד, וועלכעס זי וואלט געקראגען פאר פראדוצירען די איבערפראדוקציע, און עס וואלט ניט עקזיסטירט קיין נויט. די פראדוקציע וואלט זיך טאקע אבגעשטעלט אויף א צייט, ביז די איבערפראדוקציע וואלט פארצעהרט געווארען, דער האנדעל וואלט אבער אנגעגאנגען ווי געוועהנליך,, ניט מעהר, א טהייל פון דער באפעלקערונג וואלט ניט געהאט קיין איינקונפט און וואלט אויסגעגעבען די אבגעשפארטע געלד, ווערענד, ווען די איבערפראדוקציע באשטייט פון פראפיטען, בלייבט זי ביי די אונטערנעהמער, און די באפעלקערונג האט ניט מיט וואס זי אבצוקויפען. אזא צושטאנד מאכט ארבייטסלאזיגקייט און אן אלגעמיינעם עקאנאמישען קריזיס־אונפארמיידליך.

די ווירקונג וואָס אַרבייטסלאָזע אינשורענס וואָלט געהאַט אויף דעם גאַנג פֿון דער עקזיסטירענדער עקאָנאָמישער סיסטעם

אום איינצופֿיהרען אַרבייטסלאָזע אינשורענס מוז געשאַפֿען ווערען אַ ריזיג גרויסער רעזערוו פֿאָנד, און פֿון וואַנען דער פֿאָנד זאָל ניט קומען מוז ער האָבען אַ שלעכטע ווירקונג אויף דעם גאַנג פֿון דער עקזיסטירענדער עקאָנאָמישער סיסטעם. צום ביישפּיעל: ווען דער פֿאָנד זאָל קומען פֿון די אַרבייטער וועט ער אַוועקנעהמען ביי זיי אַ טהייל פֿון זייערע פֿאַרדינסטען און פֿאַרקלענערען דערמיט זייער קויף־קראַפֿט, און אַ פֿאַרקלענערטע קויף־קראַפֿט פֿאַראורזאַכט איבערפּראָדוקציע, ד. ה. אַ סורפּלוס; ווען דער פֿאָנד זאָל קומען פֿון די אַרבייטסגעבער וועט ער צוגערעכענט ווערען צו דעם קאָסט פֿון דער פּראָדוקציע און וועט אויך פֿאַרגרעסערען דעם סורפּלוס, און ווען דער פֿאָנד זאָל קומען פֿון דער רעגירונג וועט די רעגירונג זיין געצוואונגען צו פֿאַרגרעסערען די שטייערען און פֿאַרגרעסערטע שטייערען פֿאַלען צו לאַסט דער באַפֿעלקערונג, פֿאַרקלענערען די קויף־קראַפֿט און פֿאַראורזאַכען אַ סורפּלוס.

עס איז אמת אַז פֿון דעם פֿאָנד ווערט נאַכהער אויסגעצאָהלט צו אַרבייטסלאָזע און עס ווערט אויסגעגעבען אויף פּראָדוקטען, בעסער געזאָגט, אויף אָבצוקויפֿען די אָנגעזאַמעלטע סורפּלוסען וועלכע דער פֿאָנד וואָלט פֿאַראורזאַכט. אָבער אין דער צייט ווען דער פֿאָנד ווערט

געזאַמעלט האָט עס אַ שלעכטע ווירקונג אויף דעם גאַנג פון דער עקאָנאָמישער סיסטעם ווייל דאָס פאַרגרעסערט דעם סורפּלוס וועלכער זאַמעלט זיך פון פּראָפיטען און שפּאָרונגען, און אַ פאַרגרעסערטער סורפּלוס ברייננגט נעהענטער צו אַ קריזיס.

אום צו דעקען די פאַרלוסטען אין ווײדזשעס (לוין) פון אַרבייטסלאָזע, אין דער צייט פון קריזיס, אין דער זעלבער מאָס ווי פיעל די אַרבייטער קריגען פאַר זייער אַרבייט, פאָדערט זיך אַן אומגעהייער גרויסער פאָנד. עס געפינען זיך יעצט אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמע־ריקע אומגעפעהר 13 מיליאָן אַרבייטסלאָזע, און ווען מען זאָל רעכענען דאָס דעם אַרבייטערס דורכשניטליכע פאַר־דינסטען זיינען 25 דאָלאַר אַ וואָך וואָלט זיך געפאָדערט 300 מיליאָן דאָלאַר יעדע וואָך, אָדער 15 ביליאָן דאָלאַר יעדען יאָהר, און אויב אפילו דער קריזיס זאָל ניט אָנהאַלטען מעהר ווי 5 יאָהר, וואָלט זיך געפאָדערט אַ פאָנד פון 75 ביליאָן דאָלאַר. אַזאַ ריזיגען פאָנד פאַר אַרבייטסלאָזע איז אַבסאָלוט אונמעגליך צו שאַפען, ווייל קריזיסען ווידערהאָלען זיך צו האָפט. אויסער דעם וואָלט אַזאַ ריזיגער פאָנד פאַראורזאַכט אַ גרויסען סורפּלוס אין פּראָדוקציע, גרוים גענוג צו פאַראורזאַכען אַ קריזיס, אויסער די סורפּלוסען פון פּראָפיטען און שפּאָרונגען, וועלכע פאַראורזאַכען קריזיסען.

ווי איך האָב פריהער געזאָגט געפינען זיך אימער אין לאַנד, אַפילו אין נאָרמאַלע צייטען, אומגעפעהר צוויי מיליאָן אַרבייטסלאָזע, און, אום צו דעקען די פאַרלוסטען אין ווײדזשעס פון די צוויי מיליאָן אַרבייטסלאָזע, מוז דער פאָנד געשאַפען ווערען פון 5% דיוס, פון די אַרבייטענדע.

ווען אַזאַ פאָנד זאָל פאַרמיידען אַ קריזיס וואָלט אַרבייטסלאָזע אינשורענס געווען זעהר אַ גוטער מיטעל, אָבער דאָס קען קיין קריזיס ניט פאַרמיידען, ווייל די צוויי

מיליאָן שטענדיגע ארבייטסלאָזע איז אַ געוועהנליכע ערשיינונג און פּאַראורזאַכען ניט קיין קריזיס. אַ קריזיס פּאַראורזאַכען נאָר די גרעסערע צאָהל ארבייטסלאָזע, וועלכע ווערען ענטזאגט פון זייערע באַשעפטיגונגען דורך דעם אָנגעזאַמעלטען סורפּלוס אין פּראָדוקציע פון פּראָ־פיטען און פּערזענליכע שפּאָרונגען.

די ענטוויקלונג פון מאַשינערי פאַראורזאַכט ניט קיינע עקאָנאָמישע קריזיסען

עס איז אמת אַז די ענטוויקלונג פון מאַשינערי שטויסט אַרוים פיעלע אַרבייטער פון זייערע באַשעפטי-גונגען. דאָס פאַראורזאַכט אָבער ניט קיינע עקאָנאָמישע קריזיסען, ווייל די אָרגאַניזירטע אַרבייטער האָט זיך אַלע מאָהל איינגעגעבען אויסצווירקען אַ קלענערע אַרבייטסוואָך אום צוריקצוקעהרען אַרויסגעשטויסענע אַרבייטער צו זייער אַרבייט. לויט דעם גאַנג פון דער ענטוויקלונג פון מאַשינערי פאָדערט זיך אַפילו אַ גרעסערע רעדוצירונג פון אַרבייטסשטונדען, מיר דאַרפען אָבער ניט פארגעסען אַז צוריק מיט 25 אָדער 30 יאָהר זיינען די אַרבייטסשטונדען געווען דורכשניטליך 60 אַ וואָך און ביז דער ענדערונג, דורך דער נ. ר. א., זיינען זיי געווען אומגעפעהר 44 אַ וואָך.

אויסער דעם ווערען פיעלע אַרבייטער באַשעפטיגט אין פראָדוצירען די נייע ערפינדונגען אין מאַשינערי.

פון וואַנען אַרבייטסלאָזיגקייט זאָל ניט קומען דאַרף געטהאָן ווערען גערעכטיגקייט צו די אַרבייטסלאָזע. דער איינציגער מיטעל דערצו איז — פאַרקלענערען די אַרבייטס צייט.

פינאַנציעלע אַנגעלעגענהייטען

וואָס איז די באַדייטונג פון געלט ?

געלט איז זעהר אַ פּאָפּולערע זאַך, אַ זאַך אָהן וועלכער קיינער קען זיך ניט באַגעהן. עס זעהט אויס אַז יעדער איינער ווייסט וואָס געלט איז, און דאָך קענען עקאָנאָמיסטען זיך ניט איינינען וועגען דער געלט פראַגע, הויפּטזעכליך אין דער פראַגע פון אינפליישאָן*) נעמליך: וואָס פאַר אַ ווירקונג אינפליישן וואָלט געהאַט אויף דעם גאַנג פון עקאָנאָמישען לעבען אין אַלגעמיין; אויב אינפליישאָן איז אַ מיטעל צו העכערען די פרייזען אויף פּראָדוקטען און אויב הויכע פרייזען וואָלטען געהאָלפען דער עקאָנאָמישער אויפלעבונג.

מיר וועלען פּרואווען ענטפערען אויף דער פראַגע וואָס איז אַזוינס געלט.

געלט איז אַ מיטעל פאַר דעם אויסטויש פון אַלע לעבענסמיטלען און אַרבייט צווישען דער באַפעלקערונג. אין די פּרימיטיווע צייטען פלעגט מען נוצען איינינע פּראָדוקטען אַלס מיטלען פאַר דעם אויסטויש פון אַלע אַנדערע פּראָדוקטען; דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען נוצען פאַרשידענע מעטאַלען אין פאַרשיעדענע צייטען, ביז מען איז געקומען צו זילבער און גאָלד, וועלכע מעטאַלען

*) אינפליישאָן מיינט אָנבלאָזן דעם פּאַפּירענעם דאָלאַר, כדי צו פאַרקלענערען זיין ווערטה.

מיר נוצען יעצט פאר דעם אויסטויש פון אלע לעבענס־מיטלען און ארבייט איבער דער גאנצער וועלט.

אין די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקע זיינען מיר אויף דעם גאלד סטאנדארד, דאס הייסט מיר נוצען גאלד פאר דעם אויסטויש פון לעבענסמיטלען און ארבייט.

(דעם 19־טען אפריל, 1933, זיינען מיר ארונטער פון דעם גאלד סטאנדארד. דאס איז אבער נאר א צייטווייליגער שריט צוליעב געוויסע מאניפולאציעס.)

דער אויסטויש ווערט אנגעפיהרט אויף דעם פאלגענדען אופן: יעדעס לאנד האט באשטימט א געוויסען „יוניט“ אדער איינצאהל, וועלכער זאל דינען אלס א מיטעל אויסצורעכענען דעם ווערט פון איין ארטיקעל; דאס איז דער זעלבער פרינציפ וואס א פונט איז פאר געוויכט און א יארד פאר א מאס. יעדעס לאנד האט געגעבען איהר אייגענעם נאמען פאר איהר „יוניט“. דער „יוניט“ פון די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקע רופט זיך „דאלאר“.

אום צו באשטימען די וואג פון גאלד ווי פיעל א דאלאר דארף אין זיך ענטהאלטען, מוז מען פריהער פאר אלעם באשטימען ווי פיעל דעם ארבייטערס לוין זאל זיין. עס מאכט ניט אויס ווי פיעל, ווייל דעם ארבייטערס לוין דארף דינען אלס א באזיס סיי פאר דער וואג פון גאלד ווי פיעל א דאלאר זאל אין זיך ענטהאלטען און סיי פאר די פרייזען פון אלע פראדוקטען. מיר וועלען באשטימען דעם ארבייטערס לוין 5 דאלאר א טאג.

מיר וועלען אננעהמען אז די פראדוקציע פון 116.1 גראן גאלד קאסט איין טאג ארבייט אדער 5 דאלאר. צוטיילענדיג די 116.1 גראן אויף די 5 דאלאר, נעהמט זיך אן 23.22 גראן ריינע גאלד אויף יעדען דאלאר. דאס איז פונקט אזוי פיעל גאלד ווי פיעל דער דאלאר האט אין זיך ענטהאלטען ביז דער צייט ווען פרעזידענט רוזוועלט

האָט, טעאָרעטיש, געענדערט די וואָג פון גאָלד אין דעם דאָלאַר. ווייסען מיר שוין, הייסט עס, ווי אַזוי אויסצו־רעכענען ווי פיעל גראַן גאָלד אַ דאָלאַר דאַרף ענטהאַלטען; יעצט דאַרפען מיר אויסגעפינען ווי אַזוי אויסצורעכענען די פרייזען אויף פּראָדוקטען.

מיר וועלען אַננעהמען אַז אַן אַרבייטער פּראָדוצירט אין איין טאָג צייט, דורכשניטליך, איין פּאָר שיך, אַריינ־רעכענענדיג דעם מאַטעריאַל און פריהערדיגע אַרבייט. און אַזוי ווי אַן אַרבייטערס לוין דאַרף זיין 5 דאָלאַר אַ טאָג, דאַרף דער קאָסט פּרייז פון אַ פּאָר שיך זיין 5 דאָלאַר, אויסער אַנדערע אויסגאַבען, וועלכע ווערען צוגערעכענט צו דעם קאָסט.

פון דיזע אויסרעכענונגען זעהען מיר, אַז די פּרייזען אויף אַלע פּראָדוקטען, אַריינרעכענענדיג דעם מיטעל פאַר דעם אויסטויש, וועלכער איז אויך אַ פּראָדוקט, דאַרפען באַשטמיט ווערען לויט דער קוואַנטיטעט, וועלכע מען קריגט אַרויס, דורכשניטליך, פון אַן אַרבייטער, פאַר אַ געוויסער צייט, פאַר אַ געוויסען לוין, ווייל דער באַזיס פאַר דיזער אויסרעכענונג דאַרף זיין דעם אַרבייטערס לוין.

דער אויסטויש הויבט זיך אָן דערמיט וואָס מען צאָהלט אויס מיט גאָלד: צו די אַרבייטער, די אַנגע־שטעלטע און אַלע די וועלכע נעהמען אַן אַקטיווען אַנטהייל אין אַנפיהרען מיט דעם עקאָנאָמישען און געזעלשאַפט־ליכען לעבען אין לאַנד. דאָס אויסגעצאָהלטע גאָלד ווערט אויסגעגעבען אויף אַבצוקויפען די פּראָדוצירטע אַרטיקלען און עס קומט צוריק צו די אונטערנעהמער, וועלכע האָבען דאָס גאָלד אויסגעצאָהלט.

אַזוי אַרום צירקולירט דאָס גאָלד איבער דעם לאַנד, אַלס אַ מיטעל פאַר דעם אויסטויש פון די אַרטיקלען, וועלכע ווערען פּראָדוצירט.

פון בעקוועמליכקייט וועגען האָט מען באַשלאָסען

אַרויסצולאָזען סערטיפיקאַטען, דאָס הייסט פּאַפּיער געלט, וועלכעס זאָל פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון גאָלד און זילבער, און זאָל צירקולירען איבער דעם לאַנד.

דאָס גאָלד און זילבער, פאַר וועלכען די רעגירונג האָט אַרויסגעלאָזען פּאַפּיער געלט, דאַרף זיך געפינען אין דער רעגירונגס־שאַץ קאַסע, אַלס אַ גאַראַנטי פאַר דעם פּאַפּיער געלט. דאָס פּאַפּיער געלט דאַרף אויסגעביטען ווערען פאַר גאָלד אָדער זילבער אויף דעם פאַרלאַנג פון די אייגענטהימער דערפון, סיידען געוויסע עקאָנאָמישע אומשטענדען ערלויבען עס ניט.

ווען אַן אַרבייטער קריגט פאַר זיין טאָג אַרבייט 5 דאָלאַר, סיי אין גאָלד און סיי אין פּאַפּיער געלט, דאַרף דאָס רעפּרעזענטירען, לויט דעם פריערדיגען קורס, 116.1 גראַן גאָלד. פאַר די 116.1 גראַן גאָלד קען ער קויפען פּראָדוקטען וועלכע דאַרפען האָבען די ווערטה פון 5 דאָלאַר. געוועהנליך האָבען די פּראָדוקטען ניט די ווערטה פון 5 דאָלאַר, איבער די פּראָפיטען, וועלכע ווערען אַרונטערגענומען און בלייבען ביי דעם אונטערנעהמער.

די וואָג פון גאָלד אין דעם דאָלאַר קען געענדערט ווערען נאָר דאַן ווען די פּראָדוקציע פון גאָלד ווערט בעדייטענד געענדערט, דאָס הייסט, אַז אנשטאַט 116.1 גראַן גאָלד, וועלכעס אַן אַרבייטער האָט פּראָדוצירט אין איין טאָג צייט, פּראָדוצירט ער אָדער מעהר אָדער ווייניגער, עס ווענדעט זיך אָן די אויסגראָבונגען פון דיזען מעטאַל.

ווען די פּראָדוקציע פון גאָלד ווערט פאַרקלענערט דאַרף די וואָג פון גאָלד אין דעם דאָלאַר פּראָפּאָרציאָנעל פאַרקלענערט ווערען. לאָמיר אָננעהמען אַז אנשטאַט 116.1 גראַן גאָלד, וועלכעס אַן אַרבייטער האָט פּראָדוצירט אין איין טאָג צייט, פּראָדוצירט יעצט ניט מעהר ווי 100 גראַן אַ טאָג, דאַן דאַרף די וואָג פון גאָלד אין

דעם דאָלאַר פאַרקלענערט ווערען ביז 20 גראַן, דאָס הייסט, אַז גאָלד איז טהייערער געוואָרען, ווייל דער ארבייטער, וועלכען עס נעהמט צו פּראָדוצירען די 100 גראַן גאָלד די זעלבע צייט וואָס עס האָט איהם גענומען צו פּראָדוצירען די 116.1 גראַן, קריגט די זעלבע 5 דאָלאַר אַ טאָג פאַר זיין אַרבייט. דער פאַקט וואָס גאָלד איז טייערער געוואָרען האָט ניט קיין שום ווירקונג אויף די פּרייזען פון די אַלגעמיינע פּראָדוקטען, ווייל די פּרייזען זיינען באַזירט אויף דעם אַרבייטערס לוין.

נאָכדעם ווי פּרעזידענט רוזוועלט מיט זיינע אַרוםהעלפער האָבען אויסגעאַרבייט דעם פּלאַן פאַר דער אויפלעבונג פון די אינדוסטריען און האַנדעל אין לאַנד, וועלכער רופט זיך, פאַרקירצט, נ. ר. אַ., האָבען זיי באַשלאָסען אַז עס מוז עפּוואָס געטהאָן ווערען אויך אויף דעם געביט פון פינאַנסען, אום צו העלפען דער עקאָנאָמישער אויפלעבונג. זיי האָבען באַשלאָסען אַז הויכע פּרייזען אויף פּראָדוקטען קענען העלפען דער אויפלעבונג.

אָבער פּרייזען שטייגען ניט צו אָרדער. עס מוז זיין אַ פּרעצעדענט דערצו, ווי צום ביישפּיעל, אַ העכערונג אין דעם אַרבייטערס לוין, אָדער ווען דער פאַרלאַנג נאָך פּראָדוקטען ווערט גרעסער ווי דער אָנבאָט איז. נאַר אַזוי ווי קיין פּרעצעדענט פאַר העכערען די פּרייזען איז ניט געווען, האָט מען באַשלאָסען צו שאַפען אַ פּרעצעדענט. דער פּרעצעדענט איז „אינפלעישאָן", דאָס הייסט קינסטליך פאַרקלענערען דעם ווערטה פון דעם פּאַפּיערענעם דאָלאַר אין לאַנד.

פאַר איהר אויפגאַבע ביליגער צו מאַכען דעם פּאַפּיערענעם דאָלאַר, האָט די רעגירונג פאַרגענומען צוויי וועגען: איין וועג איז קינסטליך צו פאַרקלענערען די וואָג פון גאָלד אין דעם דאָלאַר, דאָס הייסט, אַז אנשטאָט די 23.22 גראַן גאָלד וועלכעס דער דאָלאַר האָט ענטהאַלטען

זאָל מען באַשטימען וועניגער גאָלד. מען פאַרגעסט אָבער אַז דער פּאַפּיערענער דאָלאַר רעפּרעזענטירט דעם גאָלדענעם דאָלאַר און עס מאַכט ניט אויס ווי פיעל דער גאָלדענער דאָלאַר ענטהאַלט אין זיך גאָלד. דער גאָלדענער דאָלאַר דאַרף ענטהאַלטען מעהר גאָלד ווען גאָלד איז ביליג, און וועניגער גאָלד ווען גאָלד איז טהייער, אָבער אין יעדען פאַל באַשטייט דער דאָלאַר פון 100 סענט און דער פּאַפּירענער דאָלאַר האָט דעם זעלבען ווערטה. דער צווייטער וועג איז: אַז מען זאָל אַרויסלאָזען מעהר פּאַפּיער געלט, אַזוי אַז דאָס גאָלד וועלכעס געפינט זיך אין לאַנד אויף צו פאַרזיכערען דעם פּאַפּיערענעם דאָלאַר, זאָל זיך אַנגעהמען וועניגער אויף יעדען פּאַפּיערענעם דאָלאַר.

טעאָרעטיש דאַרף דער צווייטער וועג דעם פּאַפּיערענעם דאָלאַר טאַקע ביליגער מאַכען, אָבער ניט אין פּראַקטיק, ווייל ער איז גאַראַנטירט ביי דער רעגירונג פאַר דעם פולען ווערטה פון דעם גאָלדענעם דאָלאַר, און אַזוי לאַנג ווי די באַפעלקערונג האָט ניט פאַרלאָרען דעם צוטרוי צו דער רעגירונג קען דער דאָלאַר ניט פאַרלירען זיין ווערטה.

אַלע באַמיהונגען פון דער רעגירונג קינסטליך ביליגער צו מאַכען דעם פּאַפּיערענעם דאָלאַר א י ן ל אַ נ ד, מיט דער אבזיכט צו העכערען די פּרייזען אויף אַלע פּראָדוקטען, האָבען ניט געהאַט און וועלען ניט האָבען קיין ערפאָלג.

פּרייזען אויף פיעלע פּראָדוקטען האָבען טאַקע געשטיגען, אָבער די אורזאַכען דערפון זיינען געווען: טהיילווייז די טעקסעס, וועלכע זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרען אויף פאַרם פּראָדוקטען און טהיילווייז דער מינימום לוין פאַר די אַרבייטער און די אָפּשאַפונג פון קינדער אַרבייט. דער גרויסער בום פאַר הויכע פּרייזען האָט אויך פיעל מיטגעהאָלפען אין דעם.

די רעגירונג האָט ענדליך אָנגענומען דעם ערשטען וועג אויף צו פאַרקלענערען דעם ווערטה פון דעם פּאַפּיערענעם דאָלאַר, און האָט, טעאָרעטיש, פאַרקלענערט די וואָג פון גאָלד אין דעם דאָלאַר: אנשטאט 23.22 גראַן ריינע גאָלד, וועלכע דער דאָלאַר האָט פריהער ענטהאַלטען, ענטהאַלט ער יעצט ניט מעהר ווי 13.71 גראַן. דיזע ענדערונג גילט אָבער נאָר פאַר אויסלאַנד, און דערפאַר זיינען פרייזען אויף איינעגע פּראָדוקטען, וועלכע ווערען רעגולירט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען מאַרק, הויפּטזעכליך ווייץ, באַדייטענד געשטיגען, אָבער אויף די אַרטיקלען וועלכע האָבען ניט צו טהאָן מיט אינטערנאַציאָנאַלע פרייזען האָט די „אינפליישאָן" ניט געהאַט קיין ווירקונג.

שטייגענדע פרייזען אין לאַנד פאַרקלענערען די קויף-קראַפט. אַ פאַרקלענערטע קויף-קראַפט מיינט אָבער ניט אַז דער דאָלאַר איז ביליגער, דאָס מיינט נאָר, אַז די באַפעלקערונג האָט וועניגער געלט אויף אָבצוקויפען די פּראָדוקטען לויט די העכערע פרייזען, אָבער יעדער דאָלאַר האָט די ווערטה פון 100 סענט.

די פינאַנציעלע פראַגע האָט געזאָלט זיין אַ טהייל פון דער נ. ר. א., דאָס הייסט, איינער פון די מיטלען, וועלכע מען האָט אָנגענומען פאַר דער אויפלעבונג פון די אינדוסטריען און האַנדעל אין לאַנד. איך דיינק אָבער אַז די פינאַנציעלע פראַגע איז געציעלט אין איין אַנדער ריכטונג.

דער ציעל פון „אינפליישאָן" איז אַז די פרייזען אויף פּראָדוקטען זאָלען שטייגען אַזוי הויך ווי זיי זיינען געווען אין יאָהר 1926.

מיר ווייסען אָבער, און די אַדמיניסטראַציע פון די נ. ר. א. ווייסט דאָס אויך, אַז ווען די פרייזען אויף פּראָדוקטען וועלען שטייגען אַזוי הויך ווי זיי זיינען געווען

אין יאָהר 1926, און די אַרבייט-לוין, אָדער די קויף-קראַפט אין אַלגעמיין, וועט געוויס ניט שטייגען צו דער זעלבער הויך ווי זיי זיינען געווען אין יאָהר 1926, וועט די לאַגע ווערען נאָך ערגער אנשטאט בעסער. און דערפאַר דענק איך אַז די פינאַנציעלע פראַגע איז געציעלט אין איין אַנדער ריכטונג.

די ריכטונג אין וועלכער די פינאַנציעלע פראַגע איז געציעלט, איז צו העכערען דעם ווערטה פון פריוואַט אייגענטהום, און צוליעב דעם מוז מען, נאַטירליך, העכערען די פרייזען אויף אַלע פראָדוקטען.

די אַבזיכט דערפון איז, אַז די אייגענטהימער פון ריעל-עסטייט, סטאַקס און באָנדס, מיטלען פאר פראָדוקציע און פראָדוצירטע אַרטיקלען, וועלכע האָבען פאַרלאָרען אין ווערטה פון זייער אייגענטהום זינט דעם יאָהר 1926, דורך פאַלענדע פרייזען, זאָלען צוריק געווינען דעם ווערטה פון זייער אייגענטהום דורך שטייגענדע פרייזען.

וועגען די פלענער פאַר דער עקאָנאָמישער אויפלעבונג, וועלכע מען האַלט אין דורכפיהרען האָב איך שוין פריהער ערקלעהרט פאַרוואָס זיי קענען ניט העלפען דער אויפלעבונג. און וועגען דער פינאַנציעלער פראַגע האָט זי איבערהויפט ניט צו טהאָן מיט עקאָנאָמישע קריזיסען אָדער מיט עקאָנאָמישער אויפלעבונג, ווייל געלט דינט נאָר אַלס אַ מיטעל פאַר דעם אויסטויש פון פראָדוקטען. דער דאָלאַר, אויב ער איז גאַראַנטירט ביי דער רעגירונג, בלייבט אַ דאָלאַר. ער קען קויפען מעהר פראָדוקטען ווען די פרייזען זיינען נידעריג, און ווייניגער — ווען די פרייזען זיינען הויכע. דער פאַקט איז אַז מיר קריגען פאַר דעם פאַפירענעם דאָלאַר 100 סענט, 20 ניקעלס אָדער 10 דיימס.

ווען פרייזען שטייגען מיינט ניט אַז דער דאָלאַר ווערט ביליגער, אָדער ווייל דער דאָלאַר איז ביליגער גע-

וואָרען, נאָר ווייל די אונטערנעהמער שינדען די הויט פון דער באַפעלקערונג, ביי יעדער געלעגענהייט, דורך הויכע פרייזען, און זיי מאַכען גרויסע פראָפיטען, ווערענד די אָרימע באַפעלקערונג ווערט נאָך אָרימער און די אַלגע־מיינע עקאָנאָמישע לאַגע ווערט ערגער.

די עקספּערטען פון דער נ. ר. א. זיינען אויך באַזאָרגט דערפון וואָס עס פעהלט אוים געלט און קרעדיט אין לאַנד אויף אָנצוגעהן מיט דער פּראָדוקציע און האַנדעל, און דאָס שטערט, יאַקאָבי, דער עקאָנאָמישער אויפלעבונג. וועגען אַ מאַנגעל אין געלט און קרעדיט אין דיזען לאַנד איז ניטאָ קיין געפאַהר. אַלעס וואָס מיר דאַרפען פאַר דער עקאָנאָמישער אויפלעבונג אין לאַנד, איז אַ פאַר־גרעסערטע קויף־קראַפט, ווייל אַ פאַרגרעסערטע קויף־קראַפט פאַרגרעסערט די נאָכפראַגע נאָך פּראָדוקטען און דאָס איז דער איינציגער מיטעל פאַר דער עקאָנאָמישער אויפלעבונג.

אַזוי גיך ווי עס וועט זיך צייגען אַן אויפלעבונג אין לאַנד וועלען קיין געלט און קרעדיט ניט אויספעהלען. די באַנקירען האָבען גענוג געלט און זיי וואָלטען דאָס גערן אויסגעליהען ווען עס זאָל זיך באַמערקען אַז די נאָכפראַגע אויף פּראָדוקטען ווערט גרעסער ווי דער אָנבאָט, אָבער אין אַזאַ געדריקטער עקאָנאָמישער לאַגע, ווי מיר געפינען זיך יעצט, האַלטען זיך די באַנקירען צוריק פון אויסלייען געלט.

דער פאַקט וואָס די באַנקירען האַלטען זיך צוריק פון אויסלייען געלט איז אָבער ניט קיין שטערונג אין דעם גאַנג פון דעם עקאָנאָמישען לעבען, ווייל עס פעהלען אונז ניט אוים קיין פּראָדוקטען פאַר דער יעצטיגער נאָכפראַגע. אין געגענטהייל, מיר האָבען נאָך אַלין אַ סורפּלוס אין פיעלע פּראָדוקטען.

אינפלייישאָן איז ניט קיין מיטעל פאַר דער אויפ־

לעבונג פון אינדוסטריען און האנדעל. ווען אפילו אינ־פליישאן זאל האבען א ווירקונג אויף צו הערכערען די פרייזען. מיר האבען אבער א קלאהרען בעוויז אז אינפליישאן קען ניט הערכערען די פרייזען, דאס איז דער פאקט וואס מיר האבען א שטענדיגען אינפליישאן, סיי אין די פראספערימי יאהרען און סיי אין די נארמאלע צייטען. עס עקזיסטירט א געזעץ וועלכעס ערלויבט צו האבען אין לאנד וועניגער גאלד ווי דאס פאפיער געלט, וועלכעס געפינט זיך אין צירקולאציע, באטרעפט. אזא געזעץ איז דורכגעפיהרט געווארען צוליעב די ענדערונגען אין דעם גאלד זאפאס דורך עקספארט און אימפארט.

דאס איז א שטענדיגער אינפליישאן אין לאנד, אויב מיר זאלען דאס אנרופען אינפליישאן, און דאך האט דיזער פאקט קיינמאהל ניט געהאט קיין שום ווירקונג אויף די פרייזען פון פראדוקטען. דאס באווייזט אויך אז א פאר־קלענערטע קוואנטיטעט פון גאלד אין לאנד פארקלענערט ניט דעם ווערטה פון דעם פאפירענעם דאלאר, אזוי לאנג ווי די רעגירונג איז פאראנטווארטליך דערפאר.

עס פאסירט יא אז פאפיער געלט פארלירט דעם נאמינאלען ווערטה, ווי דאס איז פארגעקומען אין די אייראפעאישע לענדער, צו ענדע פון דעם לעצטען וועלט קריעג. דארט איז דאס אבער פארגעקומען דערפאר ווייל דאס גאלד פון יענע לענדער האט זיך אויסגעשעפט אין צייט פון קריעג. די לענדער האבען אין אלגעמיין עקא־נאמיש צוזאמענגעבראכען און די רעגירונגען, ניט האבענדיג פון וואנען צו נעהמען אויף די נויטיגע אויס־גאבען, האבען גענומען דרוקען פאפיער געלט אהן א רעכענונג.

די באפעלקערונג פון יענע לענדער, נעהמענדיג דאס אלעס אין אנבאטראכט, האבען פארלארען דעם צוטרוי צו זייערע רעגירונגען און האבען זיך גענומען אליין,

יעדער נאָך זיין מיינונג, אָפּשאַצען דעם ווערטה פון פּאַפּיער-געלט, און דאָס זיינען געווען די פּרייזען פאַר די פּראָדוקטען וועלכע זיי האָבען פאַרקויפט.

נאַטירליך, האָט דאָס פּאַפּיער-געלט פאַרלאָרען דעם נאָמינאַלען ווערטה, אָדער כמעט אין גאַנצען דעם ווערטה, ווייל עס האָט ניט געהאַט אונטער זיך קיין שום שטיצע.

עס פלעגט פּאַסירען אַז פאַר אַ פונט פּוטער האָט מען פאַרלאַנגט אַ מיליאָן. עס מאַכט ניט אויס וואָס: רובעל, מאַרק אָדער קראָנען. דאָס מיינט אָבער ניט אַז דער פּרייז פון אַ פונט פּוטער האָט געשטיגען ביז אַ מיליאָן, לאָמיר זאָגען מאַרק, ווייל ווי די פּרייזען זיינען געווען העכער ווי נאָרמאַל, אין צייט פון קריעג, האָט מען געקענט קויפען אַ פונט פּוטער, מיט גאָלד, פאַר 5 אָדער העכסטענס פאַר 10 מאַרק.

אין אַ לאַנד וואו דאָס פּאַפּיער געלט האָט נאָך ניט פאַרלאָרען די מאָראַלע אָדער ווערטהפולע שטיצע, אָדער ביידע צוזאַמען, קען דאָס פּאַפּיער געלט ניט פאַרלירען דעם נאָמינאַלען ווערטה, און פאָלגליך, ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט, קען דאָס ניט האָבען קיין גינסטיגע ווירקונג צו העכערען די פּרייזען אויף פּראָדוקטען.

עס איז אַ פאַקט, אַז די פינאַנציעלע לאַגע אין לאַנד געפינט זיך אין זעהר אַ כאַאָטישען צושטאַנד, און עס פאָדערט זיך דיזע לאַגע צו ברענגען אין אָרדענונג, אָבער אַזוי ווי אין דער אויפלעבונג פון די אינדוסטריען און האַנדעל האָט מען ניט אָנגענומען די ריכטיגע מיטלען, אַזוי איז אויך מיט דער פינאַנציעלער פראַגע. אום צו ברענגען די פינאַנציעלע לאַגע אין אָרדענונג און זי האַלטען אין אָרדענונג, מוז מען אָננעהמען ראַדיקאַלע ענדערונגען, הויפּטזעכליך דאַרף מען אָפּשאַפען די סיסטעם פון גאַמבלינג אין סטאַקס און באָנדס. אַן אַקציע פון אַ קאָרפּאָריישאָן דאַרף גאַראַנטירט ווערען פון דער

רעגירונג פאר איהר פולען ווערטה, און זי מאר ניט פארקויפט ווערען אונטער אדער איבער דעם פרייז, און אנשטאט דיווידענד זאל יעדע אקציע טראגען א געוויסען אינטערעסט. עס זאל אויך אפגעשאפט ווערען דער געמבעל מיט פאפיער געלט אויף די אינטערנאציאנאלע מארקעטס.

דער געמבעל אין סטאקס, באנדס און פאפיער געלט איז דער הויפט-גרונט פאר א פארפלאנטערטער פינאנציעלער לאגע און אין דעם דארפען אונזערע פיהרער זיך ארייננטראכטען און דארפען זיך ניט ברעכען די קעפ ווי אזוי צו העכערען די פרייזען אויף פראדוקטען.

די וועלכע האבען פארלארען אין ווערטה פון זייער איינגענטהום דורך פאלענדע פרייזען, אין צייט פון קריזיס, האבען דאס ערווארבען דורך שטייגענדע פרייזען אין צייט פון פראספעריטי און דערפאר דארפען אונזערע פיהרער זיך ניט נעהמען צום הארצען דערפון.

ווען די אלגעמיינע עקאנאמישע לאגע אין לאנד וועט פארבעסערט ווערען, וועלען די פרייזען שטייגען אויף א נאטירליכען וועג, לויט אונזער עקאנאמישער סיסטעם. און אלע וועלען געהאלפען ווערען, אויף ווי פיעל אונזער עקאנאמישער סיסטעם קען דאס ערלויבען.

ווי אַזוי צו פאַרמיידען עקאָנאָמישע קריזיסען און אַרבייטסלאָזיגקייט

שטודירענדיג מיין אָפּהאַנדלונג ווי אַזוי די קאַפּי־טאַליסטישע סיסטעם אַרבייט און צו וועלכע עקאָ־נאָמישע אומשטענדען איהרע רעזולטאַטען פיהרען, וועט יעדערער מוזען צוגעבען אַז עס מוזען געשאַפען ווערען מיטלען ניט אויף אַרויסצוקריכען פון קריזיסען וועלכע האָבען שוין אָנגעמאַכט אַ גרויסען חורבן אין לאַנד, און ניט אויף צו העלפען ליידענדע אַרבייטסלאָזע מיט טשאַריטי, נאָר צו פאַרמיידען עקאָנאָמישע קריזיסען און אַרבייטסלאָזיגקייט.

פאַר דעם צוועק מוז די גאַנצע עקאָנאָמישע סיסטעם איבערגעבויט ווערען, אַזוי אַז אַלעס זאָל פּראָדוצירט ווערען פּלאַנמעסיג, אָהן קאָמפּליקאַציעס, און די פּראָ־דוקציע זאָל פאַרטיילט ווערען אויף אַ גערעכטען אופן.

אַזוי לאַנג ווי מיר וועלען האָבען אַ עקאָנאָמישע סיסטעם מיט די צוויי איבלען פון פּראָפיטען און פּערזענ־ליכע שפּאָרונגען, וועלכע ברייגנען אַריין כאַאָס אין עקאָ־נאָמישען לעבען, וועלען מיר אימער ליידען, און פאַר־קערט : ווען די צוויי איבלען וואָלטען באַזייטיגט געוואָ־רען וואָלט עס געבראַכט גליק און צופרידענהייט פאַר דער מענשהייט, עס וואָלט עקזיסטירט פריעדען צווישען מענשען און פעלקער.

עס זיינען ניטאָ קיינע פאַרבאָרגענע אומשטענדען, וועלכע זאָלען אונז שטערען אין אונזער גליק אויף

דעם געביט פון עקאָנאָמישען לעבען, אויסער די מענשען אליין. עס באלאנגט נאָר אין די מענשען איינצו־אָרדענען פאַר זיך אַזאַ עקאָנאָמישע סיסטעם וועלכע זאָל ברענגען גליק און צופרידענהייט פאַר אַלעמען.

עס איז אמת, אַז מענשען האָבען נאָך ניט פארלאָרען דעם טהירישען אינסטינקט פון עגאָאיזם צו פאַרכאַפּען יעדערער פאַר זיך וואָס מעהר. אָבער דער טהירישער אינסטינקט קען אָבשטאַרבען אין דעם מענשען דורך אַ גע־רעכטער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטליכער אָרדענונג.

צווייטער טייל

ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון עקאָנאָמישע קריזיסען

מיין פּלאַן פאַר אַ נייער סיסטעם

אום איבערצובויען די עקאָנאָמישע סיסטעם איז ניט נויטיג צו קאָנפיסקירען פּריוואַט אייגענטהום. די ביז יעצט אָנגעזאַמעלטע אייגענטהום, וועלכע באַשטייט אין מיטלען פאַר פּראָדוקציע און טראַנספּאָרטאַציע, ווי אויך געביידעס (ריעל עסטייט) זאָל בלייבען אין די הענד פון די געזעצליכע אייגענטהימער. די זעלבע אינדוסטרי־קאַפּיטאַנען, וועלכע האָבען ביז יעצט ערפאָלגרייך אָנגעפיהרט מיט דער פּראָדוקציע און טראַנספּאָרטאַציע, אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, זאָלען אויף ווייטער בלייבען די פיהרער אָדער פאַרוואַלטער פון זייערע אונטערנעהמונגען. זיי וועלען אָבער דאַרפען געבען זייערע לייסטונגען פאַר אַ באַשטימטען לוין. קיינע פּראָפיטען, קיינע אינטערעסט און קיינע קאָמישאָנס אָדער אַנדערע עקסטראַס, אויסער דעם באַשטימטען לוין, זאָל ניט ערלויבט ווערען.

די עקאָנאָמישע סיסטעם וועלכע איך לייג פאָר איז באַגרינדעט אויף „נאָן פּראָפיט נאָר סייווינגס“, קיינע פּראָפיטען און קיינע שפּאָרונגען, דאָס הייסט, אַז יעדער איינער וועלכער וועט נעהמען אַן אַקטיווען אַנטהייל אין דער אָנפיהרונג מיט דעם עקאָנאָמישען און געזעלשאַפטליכען לעבען וועט קריגען באַצאָהלט פאַר זייער פּאַקטישער ארבייט, און אַלעס וואָס עס וועט ווערען אויס־

געצאהלט פאר ארבייט וועט מוזען אויסגעגעבען ווערען, כדי אבצוקויפען די פראדוקציע, לויט א באשטימטען סטאנדארד פון לעבען. דאס באציהט זיך צו דער גאנצער באפעלקערונג: צו די ארבייטער ווי צו די מענעדזשערס.

ווען קיינע פראפיטען וועלען ניט צוגערעכענט ווערען צו די קאסטען פון דער פראדוקציע און אלעס וואס עס וועט אויסגעצאהלט ווערען צו דער באפעלקערונג וועט אויסגעגעבען ווערען אויף אבצוקויפען די פראדוקציע, דאן קענען קיינע סורפלוסען זיך ניט זאמלען, און אז עס וועלען ניט זיין קיינע סורפלוסען איז עס זעלבסט־פארשטענדליך אז די רעדער פון אינדוסטרי און האנדעל וועלען זיך דרייען רעגעלמעסיג, אהן אויפהער, און עס וועט ניט זיין קיין אורזאכע פאר ארבייטסלאזיגקייט און עקאנאמישע קריזיסען, ווייל די ארבייט אויף אלע געביטען פון עקאנאמישען און געזעלשאפטליכען לעבען וועט אנגעהן סיסטעמאטיש, לויט א פאראויס אויסגעארבייטען פלאן.

אום צו פארזיכערען דאס גליק און וואהלזיין פון דער מענשהייט, מוז מען אפשאפען פראפיט און פערזענליכע שפארונגען, ווייל דאס זיינען אונזערע איינציגע שונאים אויף דעם געביט פון עקאנאמישען לעבען.

כדי איינצופיהרען אזא עקאנאמישע סיסטעם מוז מען פריהער פאר אלעס באזייטיגען די פאלגענדע איבלען, וועלכע שטערען דעם גאנג פון עקאנאמישען לעבען.

1. דער ספעקולאטיווער האנדעל מיט סטאקס און באנדס זאל פארבאטען ווערען.
2. אלע קארפארייישאנס זאלען אויפגעלייזט ווערען.
3. אלע באנקען און פארזיכערונגס־געזעלשאפטען זאלען איבערגעבען צו דער פעדעראלער אדער צענטראלער רעגירונג, די דעפאזיטס, וועלכע באלאנגען צום

פאָלק — אין גאָלד און זילבער, וועלכעס וועט זיך געפינען אין די אויבענדערמאָנטע אינסטיטוציעס, און דאַן זאָלען די באַנקען און פאַרזיכערונגס געזעלשאַפטען אויפגעלייזט ווערען, און די פּאָליסים, וועלכע געפינען זיך אין די הענד פון דער באַפעלקערונג, זאָלען אַננולירט ווערען.

4. אַלע מיטעל מענשען, ווי דזשאָבערס, האָלסיילערס, עקספּאָרטערס און אימפּאָרטערס, ספּעקולאַנטען און אויך אַלע ריטייל סטאָרס (אויסער די גרויסע דעפּאַרטמענט סטאָרס) זאָלען אָבגעשאַפט ווערען.

5. אַלע אינערליכע חובות, סיי פון דער רעגירונג צום פאָלק, סיי פון פאָלק צו דער רעגירונג און סיי דאָס פאָלק צווישען זיך, די פאַרמערס אריינגערעכענט, זאָלען אַננולירט ווערען.

צו דערזעלבער צייט ווען אַלע אויבענדערמאָנטע איבלען וועלען באַזייטיגט ווערען, קען מען צוטרעטען צו דער איינפיהרונג פון דער נייער סיסטעם, ניט איבערגייסענדיג דעם גאַנג פון דעם עקאָנאָמישען און געזעלשאַפטליכען לעבען.

אַ קאָמיטע פון עקספּערטען אויף אַלע געביטען פון אינדוסטרי, טראַנספּאָרטאַציע און פאַרטיילונג זאָל געגרינדעט ווערען. די קאָמיטע וועט האָבען די אויפזיכט איבער דעם גאַנצען עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד.

דער קאָמיטעס אויפגאַבע וועט זיין: צו באַשטימען וועלכע אַרטיקלען זאָלען פּראָדוצירט ווערען פאַר'ן לאַנד, אויסאַרבייטען אַ סטאַנדאַרד פון לעבען, אויסצורעכענען, לויט דער צאָל פון דער באַפעלקערונג, ווי פיעל פון יעדען אַרטיקעל זאָל פּראָדוצירט ווערען, און אַרויסגעבען אָרדערס צו אַלע פּראָדוקציאָנס - פונקטען ווי פיעל יעדער דאַרף פּראָדוצירען; און אויך רעגולירען די טראַנספּאָרטאַציע.

אלע גרויסע אינדוסטריען, סיי פון די אויפגעלייזטע קארפארייזשאנס און סיי די אינדיווידועלע אייגענטהימער, זאלען אנשטעלען ארבייטער צו א פולער קעפעסיטי פון א פאבריק און פראדוצירען די זעלבע ארטיקלען וועלכע זיי האבען פראדוצירט, אונטער דער פארוואלטונג פון געניטע אינדוסטרי קאפיטאנען, אונטער דער אינסטרוקציע און קאנטראל פון דער קאמיטע עקספערטען; קליינע אינדוסטרי אונטערנעהמונגען זאלען אויפגעלייזט ווערען.

אלע טראנספארטאציע און פארקעהר מיטלען, ווי: אייזענבאהנען, שיפען און גרויסע עקספרעס אונטערנעהמונגען זאלען אנגעהן מיט זייער ארבייט, אונטער דער פארוואלטונג פון געניטע מענשען און אונטער דער אינסטרוקציע און קאנטראל פון דער קאמיטע עקספערטען; אלע קליינע עקספרעס אונטערנעהמונגען זאלען אויפגעלייזט ווערען.

אנשטאט די עקזיסטירענדע ריטייל סטארס זאלען עטאבלירט ווערען, אין אלע שטעדט און שטעדטלאך, גרויסע דעפארטמענט סטארס, וועלכע זאלען אין זיך איינעמען אלעס וואס עס ווערט פראדוצירט פאר דעם מענשליכען געברויך, אריינרעכענענדיג האספיטעלער, מעדיצינישע און דענטיסטרי, בארבערס, רעסטאראנען, פארוויילונגען, א. א. וו. די דעפארטמענט סטארס זאלען זיך געפינען אונטער דער אויפזיכט פון דער זעלבער קאמיטע פון עקספערטען.

די פארוואלטער פון אלע געשעפטס און געזעלשאפטליכע אנשטאלטען וועלען קריגען א באשטימטען געהאלט פאר זייערע לייסטונגען און ניט מעהר.

די פארוואלטער פון אלע געשעפטס און געזעלשאפטליכע אנשטאלטען זאלען ניט ערלויבט ווערען צו פארקויפען, איבערגעבען וועמען עס איז, איבערפיהרען פון איין ארט אויף א צווייטען, ארויספיהרען פון לאנד אדער

פאַרניכטעט דאָס אייגענטום פון די אַנשטאַלטען אָדער אַ מזיק דערפון.

די פאַרמער זאָלען אָנגעהן מיט זייער פראָדוקציע אויף דעם זעלבען שטייגער ווי פריהער.

כדי צו פאַרקויפען זייערע פראָדוקטען, דאַרפען פאַרמער זיך אָרגאַניזירען אין דיסטריקטען און אויפשטעלען סטאַנציעס, צו וועלכע זיי וועלען צושטעלען זייערע פראָדוקטען, און פון די סטאַנציעס וועלען די רויע מאַטעריאַלען צוגעשטעלט ווערען, לויט איין אויסגעאַרבייטען פלאַן פון דער רעגירונגס עקספּערטען קאָמיטע, צו פאַרשידענע פאַבריקען און די שפּייז פראָדוקטען — צו די דעפּאַרטמענט סטאָרס.

די ערד מיט איהרע נאַטירליכע רייכטהימער זאָל בעלאַנגען צום פאָלק.

אַלע הייזער זאָלען פאַרוואַלטעט ווערען פון די געזעצליכע אייגענטהימער, וועלכע וועלען קריגען אַ לוין פאַר דער פאַרוואַלטונג און ניט מעהר.

די פריוואַטע הייזער, וועלכע ווערען בעוואָהנט פון זייערע אייגענטימער זאָלען בלייבען ביי די אייגענטימער.

אויף צו בויען נייע הייזער און פאַרריכטען די אַלטע זאָלען עטאַבלירט ווערען בוי אַנשטאַלטען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, מיט געניטע בוי-מייסטער אָדער אַרכיטעקטס, אַלס פאַרוואַלטער, אונטער דעם קאָנטראָל פון דער רעגירונגס עקספּערטען קאָמיטע.

אַלע אַרבייטספעהיגע מענער און פרויען, אריינרעכענענדיג: בומלעגער, רעקעטירס, גרעפטער, האָלדאַפּניקעס און די גאַנצע אונטער וועלט, זאָלען אַנגעשטעלט ווערען פאַר אָרענטליכער און נוצליכער אַרבייט.

די אַרבייטסשטונדען זאָלען זיך אָנפאַנגען מיט 30 אַ וואָך און נאָכהער זאָל די צייט רעגולירט ווערען לויט דער פראָדוקציע וואָס מען וועט דאַרפען אַרויסקריגען.

א פרייז סיסטעם זאל אויסגעארבייט ווערען, און נאר איין פרייז — א ריטייל פרייז זאל עקזיסטירען פאר יעדען ארטיקעל וואס ווערט פראדוצירט, פארטיג פאר דעם מענשליכען געברויך. לויט דיזע פרייזען וועט דער סטאנדארד פון לעבען אויסגעארבייט ווערען און לויט דיזעלבע פרייזען וועט די באפעלקערונג קויפען איהרע פראדוקטען אין די דעפארטמענט סטארס.

אויסער דיזע אלגעמיינע פרייזען זאלען אויסגעארבייט ווערען ספעציעלע פרייזען פאר די פארמער, לויט וועלכע זיי וועלען פארקויפען זייערע רויע מאטעריאלען צו די פאבריקען און שפייז פראדוקטען צו די דעפארטמענט סטארס.

אויסער די פארם-פראדוקטען דארפען קיינע ארטיקלען אין א רויען צושטאנד, דאס הייסט, ניט פארטיג פאר דעם מענשליכען געברויך, ניט טראגען קיינע פרייזען.

די הייזער דארפען ניט טראגען קיינע ווערטה פרייזען אלס גאנצע, נאר א פרייז זאל באשטימט ווערען פאר יעדען צימער, לויט די קאסטען פאר אויסהאלטען א הויז, אריינרעכענענדיג פאר גאז, עלעקטריק און טעלעפאן.

א סטאנדארד פון לעבען, אין נאטור, זאל באשטימט ווערען פאר מענער, פרויען און קינדער פון יעדען עלטער, און די ווערטה דערפון זאל אויסגערעכענט ווערען לויט די באשטימטע פרייזען.

דער לוין אדער געהאלט זאל געצאהלט ווערען צו יעדען ארבייטער לויט דעם סטאנדארד פון לעבען פאר יעדען מיטגליד, וועלכען דער ארבייטער וועט דארפען אויסהאלטען.

די באפעלקערונג וועט ניט זיין געצוואונגען צו קויפען נאר די ארטיקלען וועלכע וועלען זיין אויסגע-רעכענט אין סטאנדארד פון לעבען. מען וועט זיין

באַרעכטיגט אויסצוקלייבען די אַרטיקלען וועלכע מען וועט פאַרלאַנגען, אַזוי אַז עס זאָל ניט איבערשטייגען דעם ווערטה, לויט דעם סטאַנדאַרד.

אַלס אַ מיטעל פאַר דעם אויסטויש פון פּראָדוקטען און אַרבייט, אַדער אַלס אַ געלט צייכען, אַנשטאַט די עקזיסטירענדע געלט צייכענס, וועלכע זיינען טהייל־ווייז געזיכערט מיט אַ באַשטימטען גאָלד אַדער זילבער סטאַנ־דאַרד, זאָל איינגעפיהרט ווערען אַ טשעק סיסטעם אַדער סערטיפיקייטס.

דיזע טשעקס אַדער סערטיפיקייטס וועלען אין איינען לאַנד ניט דאַרפען זיין געזיכערט דורך אַ גאָלד אַדער זילבער סטאַנדאַרד, אַדער אַנדערע קאָסטבאַרע געגענשטענדע. זיי וועלען אָבער זיין אונטער דער אויפ־זיכט פון דער רעגירונג.

די טשעקס וועלען ניט זיין אין שטענדיגער צירקו־לאַציע ווי די יעצטיגע געלט צייכענס זיינען. זייער פונקציע וועט זיין נאָר אָבצוקויפען די פאַרדינטע פּראָ־דוקטען, פאַר איין וואָך צייט, און די עקזיסטענץ פון יעדען טשעק וועט דויערען ניט מעהר ווי צוויי וואָכען צייט, און נאָך די צוויי וואָכען וועט דער טשעק אַננולירט ווערען.

יעדער געשעפטס, געזעלשאַפטליכער און רעגירונגס אַנשטאַלט וועט האָבען זיינע טשעקס. מיט דיזע טשעקס וועלען די אַנשטאַלטען אויסצאָהלען צו זייערע אַרבייטער און אַנגעשטעלטע און אויך צו די פאַרמער פאַר רויע מאַטעריאַלען און שפּייז פּראָדוקטען. די טשעקס וועלען זיין באַצייכענט מיט די נעמען וועלכע וועלען זיי קריגען.

מיט דיזע טשעקס וועלען די אַרבייטער און פאַרמער איינקויפען זייערע באַדערפניסע אין די דעפּאַרטמענט סטאָרס. געוויינליך וועלען די איינגעקויפטע אַרטיקלען פון איין מאָהל באַטרעפען ווייניגער ווי פיעל דער טשעק

וועט באטרעפען, נאר אזוי ווי יעדע דעפארטמענט סטאר וועט האבען איהרע טשעקס, וועט די באטרעפענדע סטאר ארויסגעבען דעם קויפער, פאר דעם ניט אויסגעגעבענעם באלאנס, איהר טשעק. די דעפארטמענט סטארס וועלען אויך אויסבייטען גרעסערע טשעקס פאר קלענערע.

אום צו פארזיכערען אז אלע פארדינסטען וועלען אויסגעגעבען ווערען, ווי עס פאדערט די נייע סיסטעם, זאלען די טשעקס גילטען נאר פאר צוויי וואכען צייט, צום ביישפיעל: ווען א טשעק פאר א וועכענטליכען געהאלט, לאמיר זאגען פון 50 דאלאר, ווערט ארויסגע־געבען דעם 15טען נאוועמבער, דארף דער טשעק גילטען נאר ביז דעם 1טען דעצעמבער. און אויב די סומע פון טשעק אדער א טהייל דערפון ווערט ניט אויסגעגעבען אין די צוויי וואכען צייט, דאן ווערט דער טשעק, פאר דער ניט־אויסגעגעבענער סומע, אנולירט און ווערטהלאז.

זאכען וועלכע קענען ניט געקויפט ווערען פון דעם וועכענטליכען געהאלט, ווי: קליידער, מעבעל, פיאנאס, ניי־מאשינען, ראדיאס, אויטאמאבילס, א. א. וו. זאל געגעבען ווערען אויף אויסצאהלען.

די טשעק סיסטעם זאל גילטען נאר אין אייגען לאנד. פאר אויסלאנד, ווי פאר טוריסטען, געזאנדטע און פאר דעם אויסטויש פון פראדוקטען צווישען לענדער, וועט דארפען אויסגעארבייט ווערען אן אנדער סיסטעם, לויט א פארשטענדיגונג צווישען די לענדער, און לויט די באציהונגען וועלכע די נייע סיסטעם וועט שאפען.

עס וועט אויסגעארבייט ווערען א סיסטעם וועלכע זאל פארמיידען אבזיכטליכע אדער ניט ווילענדיגע פעה־לערען אין אויסצאהלען אין גרעסערע סומען ווי עס וועט זיך פאדערען, אדער צו אזעלכע פערזאנען וועלכע וועלען פאקטיש ניט דארפען קריגען, אדער צו אזעלכע וועלכע וועלען ניט טהאן קיין ניצליכע ארבייט.

די יעניגע וועלכע וועלען ניט זיין פעהיג צו אַרבייטען, פון קראַנקהייט אָדער אַלטקייט, וועלען קריגען דעם פולען סטאַנדאַרד פון לעבען, סיידען זיי וועלען זיך געפינען אין אַן אַנשטאַלט פאַר קראַנקע אָדער אַלטע, וועלכער וועט אויסגעהאַלטען ווערען פון דער געזעלשאַפט.

ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט, דאַרף מען, לויט דיזער סיסטעם, ניט קיינע קאַפּיטאַלען פאַר אויסלאַג (אינוועסטמענטס). די רעגירונג דאַרף נאָר אויטאָריזירען צו געברויכען די טשעקס און אַכטונג געבען אַז די פאַר־וואַלטער, וועלכע וועלען אַרויסגעבען די טשעקס, זאָלען זיי ניט מיסברויכען.

אַלעס וואָס מיר דאַרפען אום צו מאַכען די מענשהייט גליקליך, אין דעם זין פון עקאָנאָמישען לעבען, איז צו פּראָדוצירען אַלעס וואָס איז נויטיג צו באַפרידיגען די מענשליכע באַדערפניסע און פאַרלאַנגען, וועלכע האָבען זיך אין דעם מענשען ענטוויקעלט, און דערצו דאַרף מען האָבען אַ מיטעל פאַר דעם אויסטויש אָדער פאַנאַנדער־טהיילונג פון דער פּראָדוקציע, און פאַר דיזען צוועק רעקאָמענדיר איך די טשעק סיסטעם.

אונטער דיזער סיסטעם איז ניט נויטיג צו האָבען אַ קאָסטבאַרען מיטעל פאַר דעם אויסטויש פון פּראָדוקטען, ווייל דורך דער אַבשאַפונג פון פּראָפיטען און פּערזענליכע שפּאָרונגען, וועלען ניט עקזיסטירען קיינע זאַמלונגען פון רייכטהימער.

קיין איבערפּראָדוקציע פון פּראָפיטען און פּערזענליכע שפּאָרונגען קאָן אַלזאָ אונטער דער סיסטעם ניט פאָר־קומען. עס וועט אָבער יאָ עקזיסטירען אַן איבערפּראָ־דוקציע, וועלכע וועט געשאַפען ווערען אבזיכטליך, פאַר „אַ רעגענדיגען טאָג.” אַזאַ איבערפּראָדוקציע וועט זיך אימער געפינען אין די דעפּאַרטמענט סטאָרס, פאַר דעם בענעפיט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

יעדער פארנינפטיגער און רעכטדענקענדער מענש, וועלכער וועט דורכשטודירען מיינע אויספיהרליכע ער־קלעהרונגען ווי אזוי די קאפיטאליסטישע סיסטעם ארבייט און וואס פאר א טרויעריגע רעזולטאטען זי ברענגט, און וועט דיזע סיסטעם פארגלייכען מיט דער סיסטעם וועלכע איך לעג פאר, וועט מוזען קומען צו א פעסטער איבער־צייגונג און וועט ניט קענען אבלייקענען אז אונזער עקאנאמישע סיסטעם איז באגרינדעט אויף טהירישען עגאהיזם. זי שטעלט צופרידען נאר א קליינעם טהייל פון דער מענשהייט און ברענגט ליידען און פארצווייפלונג צום גרעסטען טהייל פון דער מענשהייט, ווערענד מיין סיסטעם איז באגרינדעט אויף מענשליכע גערעכטיגקייט.

פון יעצטיגען קריזיס ליידען ניט נאר די ברייטע ארימע מאסען, נאר עס ליידען אויך די רייכע. נאטירליך ליידען די רייכע ניט קיין נויט, הונגער און קעלט, זיי ליידען אבער, ריכטיגער געזאגט, זיי האבען גע־ליטען, גרויסע פארלוסטען אין די אנגעזאמעלטע רייכטהימער. א גרויסער טהייל פון זייערע פארמעגענס איז פארשלונגען געווארען פון דעם זינקען פון די פרייזען אויף פארם און שטאדט אייגענטהום (ריעל עסטייט), ווי אויך אויף סטאקס און באנדס.

באנקירען, פארזיכערונגס געזעלשאפטען און פריוואטע פינאנסירען האבען אימער געדיינקט אז איינלעגען געלט אין ערשטע מארטגעדזשעס איז אזוי זיכער, אדער נאך זיכערער, ווי אין א שטאלענער סייף. יעצט האט זיך אבער ארויסגעצייגט, אז קיין רייכטהום אונטער א סיסטעם פון כאאס און געמבעל, א סיסטעם וועלכע האט ניט קיין קאנקרעטנעם פונדאמענט, קען ניט זיין זיכער.

די פינאנסירען וועלכע האלטען די ערשטע מארט־געדזשעס זיינען, אין איינציגע פעלע, געווען געצוואונגען צו נעהמען גרויסע פארלוסטען אויף די פארמס און שטעדט

ריעל עסטייטס, כדי צו געבען די אייגענטהימער א מעג־ליכקייט אנצוהאלטען זייער אייגענטהום, און אין די פעלע וואו זיי האבען ניט געוואלט רעדוצירען די מארטגעדזשעס און האבען איבערגענומען דאס אייגענטהום אדער פאר־קויפט אין אוקציאן, האבען פארלארען נאך מעהר: ער־שטענס איז אין אייניגע פעלע דאס אייגענטהום ניט ווערט דעם מארטגעדזש, צווייטענס, איז א גרויסער טהייל פון שטאדטישע הייזער ניט באזעצט, און דריטענס, זיינען א גרויסע צאהלה איינוואהנער ניט אימשטאנד צו באצאהלען די רענט.

די פינאנסירען האבען אויך אריינגעלעגט אונגעהייער גרויסע סומען געלט אין סטאקס און באנדס פון אייזענ־באהנען און אנדערע גרויסע אינדוסטריען, פון וועלכע די ווערטה איז באדייטענד געפאלען. דאס אלעס וועט מוזען „ריאדזשאסטעט" ווערען מיט גרויסע פארלוסטען פאר די סטאקס און באנד אייגענטהימער, סיידען די פרייזען אויף אלע פראדוקטען וועלען שטייגען אזוי אויך ביז זיי וועלען אויפהויבען דעם ווערטה פון אייגענטהום, צו דער שטופע פון יאהר 1929, בעפאר דעם וואל־סטריט קראך. אויב די פרייזען זאלען שטייגען אזוי הויך, וועט עס אבער לאנג ניט אנהאלטען, ווייל די פרייזען שטייגען יעצט ניט אויף קיין נאטירליכען וועג, זיי שטייגען ווייל די נ. ר. א. צווינגט זיי ארויף, אבער אזוי ווי די פארדינסטען זיינען קליין און די קויף־קראפט איז נידעריג וועלען די פרייזען מוזען צוריק פאלען.

ניט נאר ליידען פינאנסירען פון פארלוסטען אין מארטגיידזשעס, סטאקס און באנדס, נאר עס ליידען אייך מענשען פון פארשיעדענע אונטערנעמונגען. פיעלע וועלכע זיינען ערשט ניט לאנג געווען אנגעזעהענע גע־שעפטסלייטע, דארפען יעצט אנקומען נאך טשאריטי.

די אדמיניסטראציע פון דעם נאציאנאלען אויפלע־

בונגס פּלאַן, אָדער ווי מען רופט עס פאַרקירצט „נ. ר. א." איז גאַנץ ערנסט אין איהר אַרבייט. זי טוט אַלעס מעגליכעס צו פאַרווירקליכען די וויכטיגע אויפגאַבע, וועלכע איז געציעלט צו פאַרבעסערען די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע און צו רעטען די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם פון אונטערגאַנג. די פּראָגראַם פון דעם אויפלעבונגס פּלאַן ענטהאַלט אין זיך אָבער אַזאַ פּונקט וועלכער קען מעהר שאַדען ווי נוצען.

דער פּונקט פאָדערט אַז די פּרייזען אויף אַלע פּראָדוקטען זאָלען באַדייטענד געהעכערט ווערען. שטעלט זיך אַ פראַגע: ווי אַזוי קען די לאַגע פאַרבעסערט ווערען מיט הויכע פּרייזען ווען די קויף-קראַפט איז צו נידעריג, אַפילו פאַר די נידעריגע פּרייזען! עס איז אמת אַז אין אויפלעבונגס פּלאַן איז אויך דאָ אַ פּונקט וועגען אַ מיני-מום וויידזש, וועלכער איז געציעלט צו פאַרגרעסערען די קויף-קראַפט, אָבער פון ערפיהלען דעם לעצטען פּונקט דרייען זיך פיעלע אַרוים דורך פאַרשיעדענע שווינדלען. און דער ערשטער פּונקט, וועגען העכערען פּרייזען, וועט פאַרשטעהט זיך, ערפיהלט ווערען זעהר גערען. אויב אַפילו די פאַרגרעסערונג פון די פאַרדינסטען און די פאַרגרעסערונג פון פּרייזען אויף פּראָדוקטען זאָלען דורכגעפיהרט ווערען פּראָפּאָרציאָנעל, וועט אויך די לאַגע בלייבען די זעלבע, אָבער ווי עס ציינט זיך אַרוים שטייגען די פּרייזען אויף פּראָדוקטען אין אַ גרעסערער מאָס ווי די פאַרדינסטען, דאַריבער איז צו ערוואַרטען אַז די לאַגע וועט ווערען ערגער אַנשטאַט בעסער.

עס פאַרשטעהט זיך אַז הויכע פּרייזען און נידעריגע וויידזשעס שאַפען גרויסע פּראָפיטען, פּראָפיטען שאַפען סורפּלוסען און סורפּלוסען פאַרקלענערען די פּראָדוקציע און פאַרגרעסערען די צאָהל אַרבעטסלאָזע, און די רעזולטאַטען דערפון ווייסען מיר דאָך שוין.

אַזוי לאַנג ווי עס עקזיסטירט אַן אונטערשיעד צווישען ווײדזשעס און פּרייזען אָדער צווישען פּראָדוקציע און פאַרצעהרונג, וועלכער שטעלט מיט זיך פאַר פּראָפיט, קען קיין מיטעל ניט פאַרמיידען קיין אַרבייטסלאָזיגקייט אָדער אַ קריזיס אין אַלגעמיין.

ווי איך האָב ערקלעהרט אין דעם ערשטען טהייל, איז יאָ דאָ אַ מיטעל דורך וועלכען מען קען אָבשטעלען אַ קריזיס און פאַרבעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע, אָבער אַזאַ מיטעל קען פאַרבעסערען די לאַגע נאָר צייטווייליג.

דיזער מיטעל איז: געזעלשאַפטליכע אַרבייט, פּראָדוצירען פאַרשיעדענע מאַשינען, שיפען, אייזענבאַהנען און אַרטיקלען וואָס באַלאַנגען צו אייזענבאַהנען, הייזער, אויב נויטיג, און אַנדערע אַרטיקלען, וועלכע ווערען דירעקט ניט אָבגעקויפט ביי דער באַפעלקערונג פאַר פאַרצעהרונג. די פאַרדינסטען פון די אויבענדערמאָנטע אַרטיקלען וואָלטען אויסגעגעבען געוואָרען אויף אַלטעגליכע באַדערפניסע און דאָס וואָלט געשאַפען מעהר אַרבייט אין די אינדוסטריען פון אַלטעגליכע באַדערפניסע.

אַזאַ מיטעל וואָלט אָהן צווייפעל אויפגעלעבט די אינדוסטריען און האַנדעל פון לאַנד, אָבער אַזוי גיך ווי מען וואָלט אויפגעהערט צו פּראָדוצירען די אויבענדערמאָנטע אַרטיקלען, און מען וואָלט אָנגעהויבען אַרויסקריגען פון די אַלגעמיינע אינדוסטריען, אין פאָרמע פון דעפּרישייהיישאָן טשאַרדזשעס און טעקסעס, די גרויסע סומען געלד וועלכע מען וואָלט אינוועסטעט אין די ניט רעגולערע אַרטיקלען, און געזעלשאַפטליכע אַרבייט, וואָלט די לאַגע באַלד ווידער ערגער געוואָרען.

וועלכע מיטלען מען זאָל ניט אָנווענדען אום צו פאַרבעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע, און אויב איינִיגע מיטלען זאָלען אַפילו אויפלעבען די אינדוסטריען און האַנדעל, וועט דאָס אַלץ זיין אַ צייטווייליגער מיטעל, ווייל די צוויי

איבלען פון פראפיטען און פערזענליכע שפארונגען וועלען אימער שטעהן אין וועג.

עס וואלט שוין צייט געווען אז אלע אנהענגער פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם זאלען איינזעהען, אז די סיסטעם איז א געמבעל און די גאנצע מענשהייט לײדעט פון איהר און זיי זאלען זיך אבזאגען פון זייערע עגאהיס-טישע אמביציעס צו זאמלען רייכטהימער.

אפילו אין דער בעסטער בליהענדער צייט פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם איז געשעפט א געמבעל. קיין געשעפטסמאן איז קיינמאהל ניט זיכער מיט זיין אונטערנעהמונג. דאס האט באוויזען דער וואל-סטריט קראך אין יאהר 1929 און אויך די לעצטע פראספעריטי מיט יעצטיגען קריזיס. ווארום זאלען מיר דארפען געמ-בלען מיט אונזער עקזיסטענץ און מורא האבען פאר דער צוקונפט, ווען מיר קענען לעבען לויט א פאראוים אויס-געארבייטען פלאן, רעגעלמעסיג, רוהיג, ניט מורא-האבענדיג פאר דעם מארגענדיגען טאג.

עס וואלט געווען ווינשענסווערטה אז אלע לענדער זאלען קומען צו א פריעדליכער און פריינדליכער פאר-שטענדיגונג צווישען זיך, און איבערבויען די איצטיגע עקאנאמישע סיסטעם אויף א סאלידארען אופן. עס איז אבער ניט אבסאלוט נויטיג אז אלע לענדער זאלען אין דער זעלבער צייט ענדערען די סיסטעם. די סיסטעם וועלכע איך לייג פאר, קען וועלכע עס איז לאנד ביי זיך איינפיהרען, אונאבהענגיג פון אנדערע לענדער, און געבען א ביישפיעל פאר אנדערע.

דיזע סיסטעם קען אויך איינגעפיהרט ווערען אין א קליינעם טהייל פון א לאנד. ווען עס וואלטען זיך ארגא-ניזירט איניגע טויזענד פארמער און ארבייטער פון פארשיעדענע פאכען, און מען וואלט צוגעצויגען מאנו-פעקטשורערס פון פארלאזענע פאבריקען, וואלט מען

געקענט אָנפאַנגען דיזע עקאָנאָמישע סיסטעם אויף די פאַרמס, און זי ענטוויקלען, מען דאַרף נאָר פּראָדוצירען אַלע, אָדער אַזוי פיעל ווי מעגליך פון די אַרטיקלען, וועלכע פאָדערען זיך פאַר דעם מענשליכען געברויך, און אויסצאָהלען פאַר דער אַרבייט מיט טשעקס, וועלכע דאַרפען דינען אַלס אַ מיטעל פאַר דעם אויסטויש.

עס איז אמת, אַז אַזאַ קליינע קאָמיוניטי ווי אייניגע טויזענד אַרבייטער און פאַרמער וואָלטען פון אָנפאַנג ניט געווען אימשטאַנדע צו פּראָדוצירען אַלעס וואָס עס פאָדערט זיך פאַר אַ קאָמפאָרטאַבלען לעבען, אָבער יע־דענפאַלס וואָלטען די ליידענדע אַרבייטסלאָזע געקענט זיך גאַנץ פיין ערנעהרען פון זייער אייגענער אַרבייט, ניט אָנקומענדיג נאָך טשאַריטי, און די פאַרמער וואָלטען געקראָגען בעסערע פרייזען פאַר זייערע פּראָדוקטען. אויסער דעם וואָלט די אָרגאַניזאַציע געקענט אויסטוישען זייערע איבעריגע פּראָדוקטען מיט די קאַפּיטאַליסטען פון דעם זעלבען לאַנד, פאַר די פּראָדוקטען וועלכע זיי וואָלטען ניט געווען אימשטאַנד צו פּראָדוצירען.

דאָס אַלעס באַציהט זיך נאָר אויף דעם געביט פון עקאָנאָמישען לעבען, און וואָס אָנבאַלאַנגט דאָס געזעל־שאַפטליכע לעבען, וואָלט אַזאַ אָרגאַניזאַציע, נאַטירלי־כער ווייזע, געווען אונטערוואָרפען אַלע געזעצען פון זייער לאַנד.

ווען אַלע לענדער אויף דעם ערד קוגעל וואָלטען אָנגענומען די נייע עקאָנאָמישע סיסטעם אין דער זעלבער צייט, וואָלטען אַלע חובות פון איין לאַנד צום צווייטען אַננולירט געוואָרען און יעדעם לאַנד וואָלט אָנגעהויבען איין איינהייטליכען לעבען, אָהן חובות, אָהן קאַפּיטאַל, אָהן קרעדיט און זעלבסטפאַרשטענדליך, אָהן זאָרגען.

עס וואָלט געגרינדעט געוואָרען אַ פאַרבאַנד פון אַלע

לענדער אלס א אינטערנאציאנאלע פעדעראלע קערפער־שאפט, מיט גלייכע פארטרעטערשאפט פון אונפאר־טייאישע עקספערטען אין עקאנאמישע און אינטערנא־ציאנאלע אנגעלעגענהייטען, און פאלגענדע רעגעלען וואל־טען געדארפט אנגענומען ווערען:

1. אלע גרעניץ סכסוכים דארפען אויסגעגליכען ווערען אויף א פריידליכען און גערעכטען אופן, מיט דער צושטימונג פון דער באטרעפענדער באפעלקערונג.

2. די לענדער וועלכע האבען צו גרויסע באפעל־קערונגען פאר זייער שטח לאנד, זאל א טהייל פון זיי ער־לויבט ווערען צו אימיגרירען אין די טהיילען פון אנדערע לענדער, וועלכע זיינען ווייניג באוואהנט.

3. די מעטאלענע געלד צייכענס פון אלע לענדער דארפען אפגעשאפט ווערען.

4. דער אינטערנאציאנאלער אויסטויש פון פרא־דוקטען דארף אנגעהן אויף דעם פאלגענדען אופן:

אלע לענדער וועלען אריינשיקען צו דעם אינטערנא־ציאנאלען פעדעראלען פארבאנד, איין מאהל אדער צוויי מאהל א יאהר זייערע באשטעלונגען פאר די יעניגע ארטיקלען אין וועלכע זיי וועלען זיך נויטיגען, נאר קענען אין זייערע אייגענע לענדער ניט פראדוצירען. זיי וועלען אויך דארפען באצייכענען די ארטיקלען וועלכע זיי קענען געבען אין אויסטויש. דער פארבאנד וועט די באשטעלונגען צוטהיילען צווישען די לענדער, לויט דער צאהל פון זייער באפעלקערונג, וועלכע פראדוצירען יענע ארטיקלען, מיט אזא רעכענונג, אז דער עקספארט און אימפארט פון יעדען לאנד זאל באלאנסען.

דאס זיינען די הויפט פונקטען וועלכע וועלען דארפען אנגענומען ווערען אין דער קאנסטיטוציע פון דעם אינ־טערנאציאנאלען פעדעראלען פארבאנד, אין אנקלאנג מיט

דער עקאָנאָמישער סיסטעם, וועלכע ווערט דאָ פאָרגעלעגט פאַר באַזונדערע לענדער.

צום באַדויערען מוז איך צוגעבען אז עס וואָלט געווען צו נאַאיוו צו דענקען אַז אַלע פעלקער וואָלטען יעצט אָנגענומען אַזאַ עקאָנאָמישע סיסטעם, וועלכע אָטעמט מיט פאָרטשריט און גערעכטיגקייט. אין דער צייט ווען פיעלע לענדער שטרעבען ערשט צום קאַפּיטאַליזם און אַנדערע קערען זיך אום צוריק צום ווילדען מיטעלאַל־טערליכען באַרבאַריזם, און פאַרשטאַרקען דערמיט די געפיהלען פון נאַציאָנאַלען שטאָלץ, וועלכער פאַרגרע־סערט די שנאה צווישען פעלקער, אנשטאַט צו דערנעהענ־טערען זיי צו מעהר פריינדליכע באַציהונגען און אָפּשאַ־פען דעם מיסטרויען פון פאָלק צו פאָלק.

אָבער די צייט איז ניט זעהר ווייט ווען מען וועט מוזען אָננעהמען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין עקאָנאָמישען לעבען, ווייל וואָס ווייטער ווערען אונזערע ווירטשאַפט־ליכע פיהרער אַלץ מעהר פאַרפּלאָנטערט אין פאַרשידענע קאָמבינאַציעס און מאַכענאַציעס, און עס וועט מוזען קומען צו אַ צוזאַמענברוך פון דער יעצטיגער עקאָנאָמישער סיסטעם אין דער נאָהענטער צוקונפט.